STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10802

YIDISHE FROYEN

Rivke Rubin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ריווקע רובין

ייִדישע פֿרויען

פֿאַרצייכענונגען

אָ ג י ז
מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1943

אינהאלט

זײַט

איינע אינ קראסנאָדאר	3
הינט	17
באמ ברונעמ	22
דאָס צווייטע קינד	27
די געווינערנ	30
א באגעגעניש	34
די כומע ראיע	40
טאמארע עלקינ	44
פראָפעסאָר כאנע פרומינ	48
א שוועסטער	53
דאָס זיבענט בלויז עפּיזאָדנ	57
גענדזנ-שמאלצ	61

אײנע אינ קראַסנאָדאַר

זײ האָבנ זיכ צעשײדט אינ א װאַלד באַם אַריבערשטײַגנ דעמ עלברוס נאָכ דעמ, װי זײ האָבנ דורכגעמאַכט צוזאַמענ אַפ פוּרנ א װעג פונ 500 קילאָמעטער.

זײ זײַנענ אַלע געװענ אָנגעשטעלטע פונעמ קראַסנאָדאַרער פּיצוכט-פּונקט. זײ האָבנ פּעסט באַשלאָסנ אַריבערשטײַגנ דעמ עלברוס און דערפירנ צו אונדזערע טײלנ די עװאַקוירטע בעהײמעס, װעלכע האָבנ רויִק געשפּאַנט בא די זײַטנ פונ זײערע װעגענער. אויב דאָס װעט זיכ ניט אײַנגעבנ, װעלנ זײ אַלע צוזאַמענ צושטײנ צו א פּאַרטיזאַנישנ אָטריאַד.

אינ דער היפּשער קרעפּטיקער יִדישער מישפּאָכע פונ עדלינענ, דעמ דירעקטאָר פונעמ פּיצוכט-פּונקט, זײַנענ צװײ מענטשנ ניט בעקויעכ געװענ אַרופצושטײַגנ אַפנ באַרג — אַנ אַכטיאָריק מײדעלע און אַנ אַכציקיאָריקע זקײנע. אַלײנ האָט מענ זײ דאָ ניט געקאָנט איבערלאָזנ. דער גויִרל צו בלײַבנ מיט זײ און באַשיצנ זײ איז געפאַלנ אַפ דװוירע עדלינ, דעמ דירעקטאָרס פרוי, אַפ דער דװוירע, װאָס די גאַנצע מישפּאָכע האָט זיכ שטענדיק געגרויסט מיט איר כאָכמע. אַלע האָבנ געהאָפט, אַז אויכ איצט װעט זי זיכ מיט איר סײכל אַרויסדרײענ פונ אַלע אומגליקנ.

זײ האָבנ זיכ צעשײדט. דװוירע איז געבליבנ אַלײנ מיט דער אַלטער מוטער און מיטנ אײניקל. איר אײגנס איז געװענ — א פערד מיט א װאָגנ, א קו, עטלעכע קלײדלעכ און שפּײַז אַפ זעקס-זיבנ טעג.

דװוירע — א קלײנינקע, א קײַלעכדיקע מיט א גוטמוטיקנ צװײענדיקנ גוידער, מיט א פּאַריסנ נעזל, מיט קאַרע לעבעדיקע אויגנ, מיט געמיטלעכע װײכע הענט, געװוינטע צו אַרבעט, — האָט געהאַט, ניט געקוקט אַפ איר טונקעלער הויט, װײַט ניט קײנ אויסגעשפּראָכנ יִדיש אויסזענ. װענ זי איז אָנגעטאָנ אינ א פּאָשעט געקעסטלט קלײד און דער קאָפּ אַרומגעבונדנ מיט א טיכל, קאָנ מענ זי לײַכט אָנעמענ פאַר א רוסישער פּויערטע. דאָס מײדעלע איז געװענ א בלאָנדס, מיט

בלויע אויגנ, מיט א העלער הויט. די אכציקיאָריקע זקיינע אָבער איז געווענ א טיפּישע ייִדישע גוטע מאמע. יעדעס וואָרט אירס, יעדע באוועגונג האָט געזאָגט איידעס וועגנ איר ייִדישקייט, וועגנ איר געפערלעכקייט פאר דער „דריטער אימפּעריע", אונ דעריבער האָט מענ זי געמוזט שטארק אויסבאהאלטנ. דווירע האָט זיכ אוועקגעזעצט צוזאמענ מיטנ קינד אפנ וואָגנ, אונ די מוטער האָט זי אוועקגעלייגט אפנ דעק פונעמ וואָגנ אונ צוגעדעקט זי מיט אלע אירע קליידלעכ.

דער דעק פונעמ וואָגנ האָט געדינט פאר א ווינונג דער אומגליקלעכער אלטער אינ מעשעכ כונ לאנגע אָנדערהאלבנ כאדאָשימ. דאָ, אינעמ וואָגנ, איז זי געלעגנ, ווענ דער הימל האָט געהאָגלט מיט באָמבעס, ווענ דערפער זיינענ פארפלייצט געוואָרנ פונ דייטשישע דעסאנטנ, ווענ אינ פינצטערע נעכט האָבנ זיכ נאָכ די איינזאמע פרויענ געיאָגט וועלפ.

דווירע איז געווענ רויק. זי איז געווענ זיכער, אז ס'וועט ניט לאנג אויסקומענ צו ליידנ. אינגיכנ וועלנ קומענ אונדזערע אונ ס'וועט אלצ גוט זיינ. מע דארפ נאָר אויסהאלטנ, מע דארפ זיינ שטארק אונ קלוג, דעריקער קלוג.

גאנצ אָכט פלעגט דווירענ אויסקומענ איבערצולאָזנ די פור מיטנ קינד, מיט דער איינגעפאקטער אלטער אינ וואלד אונ אליינ לאָזנ זיכ אינ א דאָרפ אויפנ זוכנ שפייז. פאר זיכ האָט זי שטענדיק געטריבנ די בעהיימע אלס איידעס פונ איר פויערישקייט.

די נעכט זיינענ געווענ שווערע. ס'האָט געפייניקט די איינזאמקייט אונ אומבאהאָלפנקייט. ס'האָט זיכ געבענקט נאָכ דער גאנצ היפשער, געקניפטער אונ געבונדענער מישפּאָכע. ווייט ערגעצ האָבנ זיכ געשלאָגנ אפ די פראָנטנ אירע דריי זינ. עפשער גאָר נאָענט. אָבער זייער ווייט פונ איר האָבנ זיכ געפונענ איר מאנ אונ איר טאָכטער. צעווייט אונ צעשפּרייט... אונ סאָפאָטשקעס מאמע, דווירעס עלטערע טאָכטער, איז געשטאָרבנ, אונ סאָפאָטשקעס טאטע איז אפנ פראָנט, אונ דאָס קינד איז מיט איר, אינ זי, דווירע, מוז פארהיטנ איר לעבנ. צי וועט זיכ עס איר איינגעבנ? צי וועט דער פאָטער פונעמ קינד ניט טרעפנ אינגאנצנ קיינ פוסט אָרט, ווענ ער וועט זיכ אומקערנ פונ דער מילכאָמע?

איינמאָל, וואנדערנדיק איבער די דערפער, האָט דווירע זיכ צופעליק באגעגנט מיט א געוועזענעמ אָנגעשטעלטנ פונעמ קראסנאָדארער פיצוכט-פונקט. ער האָט איר דערציילט וועגנ דעמ כורבנ פונ קראסנאָדאר, וועגנ דעמ, אז אינ שטאָט איז שוינ קיינ איינ ייִד ניטאָ. ער האָט איר דערציילט וועגנ רוסישע פרויענ, וואָס זיינענ געקומענ אפנ

זאמל־פלאצ פונ די ייִדנ, קעדײַ צו שטארבנ צוזאמענ מיט זייערע ייִדישע מענער, ווענ פרײַנט אונ באקאנטע, וואָס האָבנ באגלייט זי ייִדנ אינ זייער לעצטנ וועג. דער באקאַנטער האָט דערציילט דווירענ וועגנ צוויי שוועסטער קאַראַנקעס, וואָס זײַנענ ניט געקומענ אפנ זאמל־פונקט. זיי האָבנ בעסער פאַרגענומענ זעלבסטמאָרד אונ זײַנענ רויִק איינ־געשלאָפנ אינ זייערע אייגענע בעטנ. ניט געקומענ אפנ זאמל־פונקט איז אויכ א צוויי־יאָריק ייִדיש קינד, וואָס האָט זיכ געשפּילט אפנ הויפ אינ באבקעלעכ פונ זאמד אינ דער צײַט, ווענ זײַנ מוטער איז געגאַנגענ צומ טויט. דײַטשנ זײַנענ אָבער פּינקטלעכ. זיי פאַרגעסנ גאָרנישט. א פּאָליצייִמאַנ האָט זיכ אומגעקערט אינ שטאָט ארײַנ אונ געבראַכט דאָס קינד — א באָרוועס, א הוילס, אינ איינע טרוסיקלעכ.

דווירענ האָט אָנגעהויבנ ארומכאַפּנ א פאַרצווייפלונג. דער קרײַז איז וואָס ווײַטער אלצ ענגער געוואָרנ. די גאַנצע געגנט איז שוינ געווענ פאַרנומענ פונ דײַטשנ. אינ די דערפער איז געווענ אוממעגלעכ אויסצובאהאלטנ זיכ. דווירע האָט שוינ אויכ לאַנג פאַרלאָרנ איר פּײַנע קו, וועלכע האָט געפונענ כיינ אינ די אויגנ פונ א דײַטש. דווירע איז געווענ גליקלעכ, וואָס ער האָט זיכ ניט דערקליבנ צומ וואָגנ, ווו ס׳איז געווענ באהאלטנ ריינ ייִדיש בלוט.

אינ איינ פײַנעמ פרימאָרגנ האָט זיכ דווירע ארומגעזענ, אז זי געפינט זיכ אינעמ וועלדל, וואָס פירט קיינ קראַסנאָדאַר. פאַר אַנדער־האַלבנ כאָדאָשימ וואָגלעניִשנ איבער די דערפער האָט זי אומבאמערקט פאַר זיכ אליינ דורכגעמאַכט אפ צוריק די 500 קילאָמעטער, וועלכע האָבנ זי אָפּגעטיילט פונ דער שטאָט, וואָס זי האָט פאַרלאָזט.

— די וועלט איז גרויס אונ ס׳איז ניטאָ ווו אהינ צו טאָנ זיכ. כ׳וועל מיסטאמע, פּונקט ווי דאָס ייִנגעלע ווי א פינגערל פונעמ מײַ־סעלע, ארײַנפאַלנ צומ מעכאַשעפ גלײַכ אינ מויל ארײַנ. מיר וועלנ נאָכ אָבער זענ, צי וועט מיכ דער מעכאַשעפ אראָפּשלינגענ.

דווירע האָט זיכ געלאָזנ אינ שטאָט ארײַנ צוזאמענ מיטנ קינד אונ מיט דער מוטער אפנ דעק פונעמ וואָגנ אונ איז טאַקע באַלד ארײַנגעפאַלנ צומ מעכאַשעפ אינ מויל ארײַנ. א באקאַנט מיידל, וועל־כער דווירע האָט צוגעזאָגט שענקענ דאָס פערד מיטנ וואָגנ, האָט זיי ארײַנגעלאָזנ אלע דרײַ אינ שטוב ארײַנ. עס האָט זיכ אָבער ארויס־געוויזנ, אז פאַר די אַנדערהאַלבנ כאָדאָשימ האָט דאָס מיידל באוויזנ צו כאַסענע האָבנ אונ דאַפקע מיט א רוסישנ אָנגעשטעלטנ פונ דער דײַטשישער פּאָליציי. אפ מאָרגנ איז דאָס גאַנצע אויסטערלישע געזינדל ארויסגערופנ געוואָרנ אינ געסטאַפּאָ.

מע איז געגאנגענ אונ געשוויגנ. די מוטער, אנ אויסגעמאטערטע פונ וועג, אנ אויסגעהונגערטע, מיט האלב-אָפּגענומענע גלידער פונעמ לאנגדויערנדיקנ ליגנ אָנ באוועגונג אינעמ וואָגנ, האָט קוימ געריירט מיט די פיס.

— דווירע, — האָט געזאָגט די מוטער נאָכ א לאנגנ שווייגנ, — איכ בינ אלט. איכ האָב שוינ מײַנע יאָרנ אויסגעלעבט. זע, איכ זאָל דיר כאָלילע ניט זײַנ קיינ שטיינ אינ וועג. ראטעווע דאָס קינד, דווירע!

מע איז ווידער געגאנגענ אונ געשוויגנ.

דווירע איז צוזאמענ מיט דער מוטער אונ מיטנ מיידעלע אריינ אינ געכטאפּאָ. דער קאָרידאָר איז געווענ פול געפּאקט מיט מענטשנ, וואָס האָבנ שאָענלאנג געוואַרט אָפּ זייער ריי. דאָסראָוו זײַנענ דאָ געווענ מענטשנ, ארויסגערופענע, וואָס זײַנענ געקומענ אהער אליינ. דאָס זײַנענ געווענ אומגליקלעכע, פארורטיילטע מענטשנ מיט אזעלכע „פארברעכנס", וואָס איז אומעגלעכ געווענ צו פארענטפערנ, אומעגלעכ צו דערקלערנ.

טאָג-איינ, טאָג-אויס האָט מענ אהער גערופנ א מיטליעריקע רוסישע פרוי, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ אונ אויסגעוואקסנ אינ קראס-נאָדאר, וואָס א האלבע שטאָט האָט געקענט ניט נאָר זי, נאָר אויכ איר מוטער אונ איר באָבענ. די פרוי האָט שווער געזינדיקט קעגנ דער דײַטשישער מאכט מיט דעמ, וואָס איר מישפּאָכע האָט, קענטיק, מיט פיל דוירעס צוריק, גענומענ זיכ די פאמיליע מייראָוויטש, א פאמיליע, וואָס קלינגט יידיש.

אנ עלטערער ארבעטער איז געגאנגענ אהער איבער א טאָג דער-פאר, וואָס ער איז געזעסנ פארטראכט אָפּ א בענקעלע לעבנ זײַנ טויער אונ ניט גענוג שנעל אופגעשפּרונגענ פונעמ אָרט, ווענ פארבײַ אימ איז דורכגעגאנגענ א דײַטשישער אָפיצער. דער אויספאָרשער פונ געסטאפּאָ האָט געפאָדערט פונעמ ארבעטער בלויז איינ זאכ, — ער זאָל אימ זאָגנ פינקטלעכ, וועגנ וואָס ער האָט דאנ געטראכט. דער ארבעטער, וואָס האָט אינ דעמ מאָמענט פונ זײַנ „פארברעכנ" זיכ דעמ קאָפּ געבראָכנ, ווו צו קריגנ א ביסל שאָלעכץ פינ קארטאָפל אָפּ א זופּ פאר זײַנ גויסעסדיקער אלטער, האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט אויס-טראכטנ פארנ אויספאָרשער קיינ פאסיקנ וואריאנט. דער אויספאָרשער האָט אלצ כוישעד געווענ, אז דער ארבעטער האָט זיכ פארטראכט וועגנ אוועקגיינ צו די פארטיזאנער, אונ דערפאר קומט אימ א הארבע שטראָף. ער האָט אָבער געוואָלט, אז דער פארברעכער זאָל זיכ אליינ מודע זײַנ דערינ.

אָט אַזוי האָט מען פֿון די קאָרבאָנעס געזאַפּט דאָס בלוט טראָפּן נאָך טראָפּן. די אַלע מענטשן האָבן געוווּסט, אַז ס'וועט זיי סאָפּקאָלסאָפּ ניט מײַדן דער גורל פֿון די עמעסע „פֿאַרברעכער”, וועלכע מע ברענגט אַהער צעבלוטיקטע, אונטער אַ קאָנוואָי, אָט די, וועלכע מעלדן זיך ניט פֿאַראַקשנט אָפּ דער אַרבעט־בירזשע, אָדער זיי האָבן פֿאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער. די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען אָן קאָנוואָי, האָבן געוווּסט, אַז זייערע פֿאַרפּײַניקטע קערפּערס וועלן זיך סאָפּקאָלסאָפּ וואַלגערן צוזאַמען מיט יענע, וואָס מע ברענגט אַרעסטירטע. דאָס, וואָס מע רופֿט זיי אַהער אַרויס, איז בלויז אַ פֿאַרווײַלונג פֿאַר די הערן דײַטשן, אַ שפּיל פֿון אַ קאַץ מיט אַ מויז.

די דרײַ מיטגלידער פֿון דער מישפּאָכע עדלין זײַנען געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, אָפּגערוקט און איזאָלירט פֿון אַלעמען. דווירע האָט געפֿילט אָף זיך בליקן — נײַגעריקע, גלײַכגילטיקע, מיטפֿילנדיקע, אָבער קיינער האָט ניט געוואָגט זיך ווענדן צו איר מיט אַ וואָרט, פֿאַרקניפּן מיט איר אַ שמועס.

ענדלעך, איז דערגאַנגען די ריי פֿון די עדלינס. מע האָט זיי אַרײַנגערופֿן צום אויספֿאָרשער.

דווירע האָט אַ צײַט ניט געדענקט, וויאַזוי ס'איז פֿון איר אָפּגעשיידט געוואָרן די מוטער. אין זיקאָרן זײַנען געבליבן בלויז אַ לעצטער טרויעריקער בליק און אַ קלאַפּ פֿון אַ טיר. פֿון וועלכער? רעכטס? לינקס? הינטער די פּלייצעס? ערשט פֿיל שפּעטער, אין אַ כוידעש אַרום אָן ערעך, האָט דווירע דערקענט די טיר. געווען איז עס אַזוי: דווירע איז געשטאַנען פֿאַרן אויספֿאָרשער, האַלטנדיק, ווי שטענדיק, דאָס קינד פֿעסט בײַ דער האַנט. דעם קינדס האַנט פֿלעגט זי אָף די פֿאַרהערן קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן פֿון אירער. פֿונעם קינדס האַנט האָט אַרײַנגעשטראָמט פֿריש בלוט אין איר קערפּער. „פֿאַר דיר, — האָט זי בעשאַס־מײַסע געטראַכט, — שטיי איך אויס די גאַנצע פּײַן. איך מוז דיך פֿאַרהיטן פֿאַרן פֿאָטער”. דווירע איז דאָך געשטאַנען אָפּן פֿאַרהער, נאָר מע האָט זי וועגן גאָרנישט ניט געפֿרעגט, ווײַל צום אויספֿאָרשער האָט מען פּלוצלינג אַרײַנגעפֿירט אַ יונג רוסיש מיידל מיט פֿאַרבונדענע הענט.

— דײַן נאַציאָנאַליטעט? — האָט מען זי געפֿרעגט.

— אַ רוסישע. — האָט געענטפֿערט דאָס מיידל.

— דײַן באַשעפֿטיקונג? — האָט מען זי געפֿרעגט.

— אַ פּאַרטיזאַנערן. — האָט הויך און שטאָלץ געענטפֿערט דאָס מיידל.

אינ איינ אויגנבליק איז דאָס מיידל צעבלושיקט געוואָרנ פונ קאָפ בינ די פיס. עס האָט זיכ געעפנט א ווײַטיקע טיר, אונ דאָס מיידל איז אינ ערגעצ אריינגעשליידערט געוואָרנ.

דאנ האָט זיכ דווירע אינגאנצנ פינקטלעכ דערמאָנט, אז הינטער אָט דער טיר איז פארשווונדנ געוואָרנ אויכ איר אלטע. פונ אָט דער זײַט האָט צו איר דערגרייכט דער זקיינעס אקיידע-בליק.

איצט אָבער איז דווירע געשטאנענ דאָס ערשטע מאָל פארנ פאר-הער: זי האָט באשלאָסנ איר פאמיליע-נאָמענ ניט צו לייקענענ. דאָס וואָלט געווענ געפערלעכ, ווײַל פיל מענטשנ האָבנ זי געקענט מיט דעמ פאמיליע-נאָמענ „עדלינ“. אפ אלע פארהערנ האָט זי זיכ געהאלטנ פונעמ אָנהייב בינ סאָפ בא אזא ווערסיע: זי איז אליינ א רוסישע. איר ערשטער פארשטאָרבענער מאנ, גיאדאקאָוו, איז אויכ געווענ א רוס. דאָס מיידעלע איז בא איר דאָס לעצטע קינד פונעמ ערשטנ מאנ. ערשט ניט לאנג פאר דער מילכאָמע האָט זי א צווייט מאָל כאסענע געהאט מיטנ ייִד עדלינ אונ זײַנ פאמיליע-נאָמענ טראָגט זי עס. די זקיינע איז געווענ עדלינס מוטער.

— ברענג אהער א רוסישנ מענטשנ, וואָס זאָל באשטעטיקנ, אז דו ביסט א רוסישע,—האָט געזאָגט דער אויספאָרשער.

דווירע איז ארויס מיטנ קינד פונ געסטאפאָ. דער קאָפ האָט איר געשווינדלט. די גאס האָט אויסגעזענ טויט. פונ יעדנ צעלעכערטנ הויז, פונ יעדער שפארונע פונ די פענצטער, פארשלאָגענע מיט ברעטלעכ, האָבנ ארויסגעקוקט דער אלטער מוטערס טרויעריקע אויגנ. צו וועמענ ווענדנ זיכ? ניטאָ קיינ מענטשנ. קענטיק, ס'איז דער לעצטער טאָג אינ איר לעבנ. אינערלעכ אָבער האָט זיכ עפעס געווערט קעגנ דעמ געדאנק. ס'האָט זיכ ניט געוואָלט גלייבנ, אז דאָס איז דער סאָפ.

— ראטעווענ קענענ מיכ בלויז אונדזערע, אָבער ווו זײַנענ זיי?— האָט א טראכט געטאָנ דווירע, פארריַסנדיק דעמ קאָפ צומ ריינעמ הימל, וואָס איז געווענ פונקט אזוי פוסט, ווי די גאס. קיינ איינ אעראָפלאנ האָט זיכ אפ אימ ניט געוויזנ.

ווענ דווירע האָט אָפגעווענדט דעמ בליק פונעמ הימל, האָט זי דערזענ פאר זיכ א גוט באקאנט, פרײַנטלעכ, דערשראָקנ פּאָנעמ. אנטקעגנ איר איז געשטאנענ דער ארטיסט פונ דער געוועזענער רו-סישער דראמע — דראָזדאָוו, וועלכער איז געווענ ניט גלײַכגילטיק צו איר טאָכטער אונ איז דעריבער געווענ אָפטער גאסט בא איר אינ שטוב.

— ווערא איסאיעוונא, — האָט מיט בלייכע ליפנ אויסגעשעפטשעט דראָזדאָוו,—ווי קומט איר אהער? אנטלויפט. איר וועט דאָכ דאָ אומקומענ.

— מײַנ לעבנ איז איצט אינ אײַערע הענט, ארקאדי פּעטראָוויטש, — האָט געענטפערט דווירע. — באַשטעטיקט, אז איכ בינ א רוסישע, וועל איכ בלײַבנ לעבנ.

זיי האָבנ זיכ אומגעקערט זאַלבעדריט אינ דער געסטאַפּאָ.

— אויב דו זאָגסט ליגנ, — האָט מענ דאָרטנ געוואָרנט דראָזדאָווונ, — וועלנ מיר דיכ צעשיסנ, ווי א הונט.

— איכ זאָג עמעס, — האָט רוהיק געענטפערט דראָזדאָוו.

— איינ איידעס איז ווייניק, — האָט געזאָגט דער אויספאָרשער, — מע דאַרפ האָבנ נאָכ איינעמ. אָ, דאָס פּייגעלע וועט מײַנע הענט ניט מײַדנ, — האָט ער מיט א פאסקודנעמ פּערל אינ די אויגנ זיכ געווענדט צומ איבערזעצער.

זיי זײַנענ ארויס פונ געסטאַפּאָ.

— ווערא איסאיעוונא, זײַט רוהיק, — האָט געזאָגט דראָזדאָוו, — מאָרגנ וועט זײַנ נאָכ אנ איידעס.

— איכ האָפ, אז ס'וועט זײַנ, — האָט פּאָשעט באַמערקט ווערא איסאיעוונא.

אפ מאָרגנ האָט א ווילד־פרעמדער מענטש, וועלכנ דווירע האָט געזענ דאָס ערשטע מאָל אינ איר לעבנ, באַשטעטיקט אינ דער געסטאַפּאָ, אז ער קענ זי פיל יאָרנ אלס א רוסישע פרוי. דווירע איז ארויס אפ דער גאס א באַרויקטע.

דער איניעס פונ ווערא עדלינא איז אָבער אינ דער געסטאַפּאָ נאָכ ווײַט ניט געווענ ליקווידירט. די דאָזיקע פרוי איז געווענ פאַר־דעכטיק. מיט ריינ דײַטשישער אויטאָמאטישקײַט זײַנענ רעגולער, איבער א טאָג ארויסגעשיקט געוואָרנ צוויי פּאָוועטקעס, וואָס האָבנ ארויס־גערופנ אפנ פאַרהער אינ דער געסטאַפּאָ ווערא איסאיעוונא עדלינא אונ סאָפיא פּעטראָוונא גיאַדאַקאָווא. אונ פּינקטלעכ איבער א טאָג זײַנענ ווערא איסאיעוונא, 50 יאָר אלט, אונ סאָפיא פּעטראָוונא, 8 יאָר אלט, געשטאַנענ פאַרנ אויספאָרשער.

זייער שווער איז געווענ אויסצוקומענ מיטנ קינד. גאַנצע שאָענ פלעגט דווירע אײַנכאַזערנ מיטנ מיידעלע ענטפערנ אפ מעגלעכע פראַגנ. דאָס קינד האָט זיכ אויסגעלערנט צו לייענענ אינ דער באָבעס אויגנ, עס האָט זיכ אויסגעלערנט צו פאַרשטיינ קוימ באַמערקבארע טנועס אונ זשעסטנ, עס האָט זיכ צוגעוווינט צו רופנ די באָבע־מאמע. אָבער וואָס ווײַטער איז דאָס קינד געוואָרנ אלצ מער דענערווירט, אויס־געשעפּט אונ דערשראָקנ. עס האָט אָפּט געוויינט אונ ניט געוואָלט גיינ אינ געסטאַפּאָ.

איינמאָל, ווענ עס זײַנענ אָנגעקומענ די צוויי סטערעאָטיפּע פּאַפּירלעכ פאַר עדלינא אונ גיאַדאַקאָווא, האָט זיכ סאָפּאָטשקע באהאלטנ אינ א שטײַג פאַר קראָליקעס, וואָס איז געווענ אפנ הויפ. דוווירע האָט זי לאַנג געזוכט. ווענ זי האָט דאָס קינד ענדלעכ געפונענ, האָט סאָפּאָטשקע, ליגנדיק אפּ אַלע פיר אינעמ שטײַג, קאַטעגאָריש זיכ אָפּגעזאָגט צו גיינ אינ דער געסטאַפּאָ אונ האָט אָנגעהויבנ מיט א קינדעריש-צעלאָכעסדיק קאָל האַלב אויסשרײַענ, האַלב אויסזינגענ די ווערטער פונעמ ליד: „אינ שלאַכט פאַרנ פאָטערלאַנד! אינ שלאַכט פאַר סטאַלינענ!"

די באָבע האָט א דערשיטערטע ארויסגעשלעפּט דאָס מיידעלע פונעמ שטײַג אונ פאַרשטעלט איר מיט דער האַנט דאָס מויל.

זיי זײַנענ אַוועק אפנ פאַרהער. דער איבערזעצער מיטנ פּאַרבי-סענעמ בלײַכנ פּאָנעמ אונ בייזע בײַנערדיקע הענט איז דאָס מאָל געווענ באַזונדערס פײַנטלעכ געשטימט צו עדלינענ.

— דו זאָגסט, — האָט ער זיכ צו איר געווענדט, — אַז דו האָסט פאַר דער מילכאָמע געוווינט אינ פּאָלטאַווע, ווועלנ מיר טאַקע אַהינ אַוועקשיקנ אַנ אָנפראַגע. סאָפּאָטשקאַ, — האָט ער זיכ מיטאַמאָל פרײַנט-לעכ געווענדט צומ קינד, — עמעס, אינ פּאָלטאַווע האָט איר געוווינט אפּ דער שאָלעמ-אַלייכעמ-גאַס? די מאַמע האָט דאָכ מיסטאַמע מיט דיר גוט אײַנגעכאַזערט דעמ אַדרעס, קעדיי דו זאָלסט ניט פאַר-בלאָנדזשענ. אַנו, דערמאָנ זיכ.

דאָס צערטלעכע וואָרט „סאָפּאָטשקאַ" האָט אַזוי אומדערוואַרט דורכגעקלונגענ אינעמ מויל פונעמ מיעסנ פאַרעטער, אַז די באָבע אונ דאָס אייניקל האָבנ בײדע אופגעציטערט.

די באָבע האָט באַלד פאַרשטאַנענ די פּראָוואָקאַציע אונ האָט מיט אומרו געוואַרט אפנ ענטפער פונעמ קינד. סאָפּאָטשקע האָט זיכ א ווײַלע פאַרטראַכט, אונ מיטאַמאָל האָט איר פּענעמל אופגעשײַנט פונ א פרייי-דיקער דערמאָנונג:

— געדענקסט, מאַמע, — האָט זי געזאָגט, — ווי מיר זײַנענ גע-גאַנגענ אפּ דער שאָלעמ-אַלייכעמ-גאַס צו דער מומע סאָניע אפּ דער יאָלקע, דאָרטנ איז געווענ אַנ עקסעלע, איז ער געגאַנגענ איבער א ברעט. אוי, האָט ער זיכ געוואַקלט אפּ די פיס. אַהינ אונ אַהער, אַהינ אונ אַהער.

זי האָט זיכ מיטאַמאָל הויכ אונ פרייילעכ צעלאַכט, דערמאָנענדיק זיכ אינעמ קאָמישנ עקסעלע. פּלוצלינג אָבער האָט סאָפּאָטשקע דער-פילט אפּ דער פּלייצע די בײַנערדיקע האַנט פונעמ איבערזעצער. ער האָט זי אפּ אַזא אויפנ גערופנ צו אָרדענונג. די פרייד אירע איז באַלד

אויסגעלאָשן געוואָרן. די אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן פון ווייטיק אינעם צונויפגעדריקטן אקסל, און זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער פארגעבענער פראגע.

— ניין, — האָט דאָס קינד געזאָגט מיט א צונויפגעדריקטער שטים, — אפ דער שאָלעם־אליכעם־גאס האָבן מיר קיינמאָל ניט גע־וווינט. מיר זײַנען אהין לאנג געפאָרן מיטן טראמוויי.

— זאָג נאָר, — האָט דער איבערזעצער זיך געווענדט צו דווי־רען, — וויאזוי האָסטו כאסענע געהאט מיט גיאדקאָוון, אין קלויסטער?

— יאָ, אין קלויסטער.

— דערציייל, וואָס האָט דאן געזאָגט דער באטיושקע?

דווירע איז געשטאנען א פארלאָרענע. נאָר מיטאמאָל האָט אין איר אָנגעשטרענגטן זיקאָרן עפּעס געגומען זיך אויסקלאָרן. פאר די אויגן האָבן געגומען דורכשוועבן קאדרען פון א פארהעלטניסמעסיק ניט לאנג געזעענעם פילם. א רוסישע כאסענע... א טרויעדיקע קאלע... א גאלעך... וואָס זשע האָט דער גאלעך געזאָגט דער אומעטיקער קאלע?..

דווירע האָט זיך דערמאָנט און געענטפערט.

די נאכט איז דווירע ניט געשלאָפן. זי האָט זיך געגרייט צום קומענדיקן פארהער. עפּשער וועט מען זי ווידער עקזאמענירן אפן געביט פון גאָטספארכטיקייט? אן אלטע רוסישע פרוי האָט געדרן איינ־געכאזערט מיט דווירען עטלעכע טפילעס.

באם קומענדיקן פארהער איז ווירקלעך ביַיגעווען גאָר אן אל־טיטשקער גאלעך. דער קאָפּ האָט זיך בא אים געשאָקלט, ווי ער וואָלט די גאנצע צייַט געדאווגט, די הענט האָבן געציטערט, און אינ־גאנצן האָט ער געמאַכט אן איינדרוק, אז אָט באלד צעשיט ער זיך.

דער גאלעך האָט געפרעגט דווירען, צי געדענקט זי „אָטטשע נאש". דווירע האָט אָפּגעקלאפּט די טפילע אין איין אָטעם. פארן דייַטשישן אויספאָרשער און פאר זייַן ענערגישן איבערזעצער איז עס אָבער אלץ געווען קארג.

— פארוואָס זשע טראָגסטו צו אידי שווארצע יאָר, — האָט געזאָגט דער איבערזעצער, — אזא יידישן פאָטער־נאָמען „איסאיעוונא"?

— זון מייַנער, — האָט זיך פלוצלינג אָפּגערופן דער גאלעך, — איסיי איז ניט קיין יידישער נאָמען. בא אונדז אין סאנקט־פּעטערבורג שטייט דער איסאַקיעווער סאָבאָר. כ'איז פונקט דאָס זעלבע.

צי האָט דער אלטיטשקער גאלעך געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, ווייל ער איז שוין געווען אויוועקבאָטל, צי האָט ער ווירקלעך געוואָלט העלפן דער אומגליקלעכער פרוי — אזוי צי אזוי, נאָר זייַנע אומשולדיקע

באמערקונג האָט ארויסגערופנ אנ אומדערווארטע רעאקציע באמ אויס־פאָרשער. ווענ דער איבערזעצער האָט אימ איבערגעגעבנ דעמ גאַלעכס ווערטער, האָט זיכ דער דײַטש מיטאַמאָל פעט צעלאכט אונ אויסגעשריענ:

— נו, איז גוט, טאָ זאָלנ זיי ביידע צוזאמענ פאָרנ אינ סאנקט־פעטערבורג, ווי הייסט עס בא זיי איצטער—לע־נינ־גראד—כא־כא־כא. א האָכצײַט־רײַזע — כא־כא־כא. נאָכ דעמ יידנ וועט איר געוויס גוט זײַנ מיט א גאלעכ. מיר וועלנ אײַכ, פייגעלעכ, באגלייטנ אפ אײַער האָכצײַט־רײַזע. אדיע! מאָרגנ וועלנ מיר זיכ זענ גאנצפרי.

דווירע איז געגאנגענ אהיימ צו איר אָרעמענ ווינקל. די גאס איז ווידער געווענ פוסט, ווי עמעצער וואָלט זי אויסגעטרייסלט ביזנ דעק. אפ א טעלעגראפ־סלופ איז געהאנגענ א מענטשלעכער קערפער מיט אנ אויפשריפט: „איכ האָב אגיטירט קעגנ די דײַטשנ". ווער ווייסט? עפשער וועט זי מאָרגנ אויכ אזוי פונ דער הייכ אראָפקוקנ מיט טויטע אויגנ אפ דער טויטער גאס? ווארט נאָר, וואָס פאר אנ אויפשריפט וועלנ זיי צו מיר צוקלעפנ? — האָט זי געטראכט קימאַט ווי האַליוצי־נירנדיק. — מיסטאמע בלויז איינ וואָרט „יודינ", אונ עפשער? ניינ... דײַטשנ האָבנ ליב פינקטלעכקײַט אונ פײַערלעכקײַט. זיי וועלנ אויפ־שרײַבנ: „איכ האָב אָפּגענארט די דײַטשישע מאכט. איכ האָב אויס־באהאלטנ פונ די דײַטשנ מײַנ פארשאָלטנ יידיש בלוט".

זי איז געגאנגענ מעכאניש גאס־אײַנ, גאס־אויס א דערשלאָגענע, א דערנידעריקטע. פארוואָס? — האָט זי געטראכט מיט פארביטערונג, — פארוואָס קומט עס מיר אזויפיל פײַנ?

זי האָט זיכ געפילט עלנט אונ אומבאהאָלפנ. זי איז דאָכ איינע, איינע אינ דער גאנצער שטאָט, איינ לעבעדיקער מענטש פונ איר פאָלק אינ קראסנאָדאר.

דווירע האָט זיכ ענדלעכ דערשלעפט מיטנ קינד אהיימ. זי האָט זיכ אוועקגעוואלגערט א צעבראָכענע אפנ שטרויענעמ זאק, וואָס איז געלעגנ אינ ווינקל אפ דער הילצערנער ערד. סאָפּאָטשקע האָט זיכ אויכ געלייגט לעבנ איר א שטילע, א פארטראכטע. אויכ איר קינדערש הארצ איז געווענ צעבויפגעפרעסט פונ אנ אומפארשטענדלעכנ ווייטעק. זיי האָבנ זיכ צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער אונ, כאָטש ס'איז געווענ העלער טאָג, זײַנענ זיי דאָכ ביידע מאָמענטאל אײַנגעשלאָפנ.

אויפגעכאפט האָט זיכ דווירע פונ א מאָדנע גריזשע זשומענ אינעמ צימער. זי האָט ניט ווילנדיק אויפגעעפנט די אויגנ. אינ דער טיר איז געשטאנענ די אָנצייגערישע שווארצע אוואָטיע פונ עמ פיצוכט־פונקט אונ האָט הויכ געשיפעט מיט אירע שווארצע ליפנ אלצ אינ איינ אָטעמ:

— ווי מע האָט זיך עס צעלייגט אײנמיטן העלן טאָג! ייִדן האָבן שטענדיק ליב צו מאכן זיך באקוועם. א, אופגעכאפט זיך? א גוט-מאָרגן דיר, פריצע! עס לעבט זיך דיר ניט שלעכט, ווי איך זע. אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך מיט איין וואָרט אוועקשיקן אפ יענער וועלט, גיב נאָר אהער, — איז זי מיטאמאָל אריבער אפ א קוויטש, — גיב מיר אָפ דײַנע זאכן, אלץ, וואָס דו האָסט, — וועל איך שווײַגן. אויב ניט, — וועל איך מאסערן. גיב, גיב אלץ. ייִדן זײַנען שטענדיק רײַך. דער שווארציאָר נעמט זיי ניט.

פאר איין טאָג איז עס שוין געווען א ביסל צופיל פאר דווירען. זי האָט זיך לאנגזאם אופגעהויבן פון איר אָרעמען געלעגער. א קליי-נינקע, א קײַלעכדיקע, א זשוואווע איז זי האסטיק צוגעשפרונגען צו דער הויכער טרוקענער אוודאָטיע און האָט אָנגעהויבן זי טרײַסלען מיט אלע קויכעס:

— אלטע צויג, מעכאשייפע! מײַנע זאכן האָט זיך דיר פארוואָלט? נא, באטראכט גוט, וואָס איך פארמאָג. עפשער ווילסטו בעסער מײַן בלוט? נעם א מעסער, קוילע! דו מיינסט, אייביק וועלן דאָ זײַן די דײַטשן? וואָס האָסטו פון זיי, בעהיימע? אונדזערע וועלן זיך דאָך אומקערן, אונדזערע, די רויטע, און דאן וועסטו ענטפערן פאר מײַן בלוט, געדענק! נו, טאָ גיי זשע, גיי מאסער! איך האָב פאר דיר קיין מוירע ניט. ארויס, ארויס, ארויס פון דאנען!

זי האָט אָנגעכאפט די הויכוויקסיקע אוודאָטיע פאר די אקסלען און ארויסגעשלײַדערט זי פונעם צימער.

סאָפּאָטשקען האָט דער טומל ניט אופגעוועקט. זי איז רויִק גע-שלאָפן. די הענטלעך זײַנען געווען צעשפרייט מיט די דלאָניעס ארופ נאָך גאָר ווי בא אן אייפעלע. דווירע האָט לאנג געקוקט אפן שלאָפנ-דיקן קינד, ביז איר בליק איז געפאלן אפ א פּאָשעט ליימען קריגל ביז העלפט אָנגעפילט מיט מילך, וואָס איז געשטאנען אפ דער ערד, עטוואָס אָפּגערוקט פון סאָפּאָטשקען. זי האָט מעכאניש גענומען דאָס קריגל אין האנט, אונטער דעם איז געלעגן א קליין צעטעלע:

טײַערע ווערא איסאַיעוונא!

איר טאָרט דאָ מער ניט פארבלײַבן. אוודאָטיע רעדט וועגן אײַך גאנצע טעג. אנטלויפט, אויב דאָס לעבן איז אײַך ליב.

אײַער א. פ.

הייסט עס, אז אין דער צײַט, ווען זי איז געשלאָפן, איז דאָ געווען אנאטאָלי פּאָליוקאָס צוועלפיאָריק טעכטערל. אָט אזוי פלויגט זי שטענדיק קומען אומבאמערקט, שטיל און ציכטיק אָפּטאָן די שלי-כעס פון איר פאָטער און שטיל פארשווינדן.

פּאָליווקאָ, דער געוועזענער זאווכאָז פונעם פּיצוכט-פּונקט, פּלעגט קימאט יעדנ טאָג צושיקנ דווירענ שפּײַז — א ביסל מילכ, א שטיקל פלייש, א פענעצ ברויט, אָדער אינ ערגסטנ פאל כאָטש א ביסל שאָלעכצ פונ קארטאָפל. זינט די דײַטשנ האָבנ פארנומענ די שטאָט, איז שאָלעכצ פונ קארטאָפל פארוואנדלט געוואָרנ אינ זייער א באטאמטנ מײַכל. ווו פלעגט פּאָליווקאָ קריגנ פאר איר די שפּײַז, איז פאר דווירענ געווענ א סאָד. באזונדערס איז עס געווענ צו באוווּנדערנ דערפאר, וואָס פּאָליווקאָס שטוב האָט ניט געהאט קיינ באלעבאָסטע. זײַנ ווײַב האָבנ די דײַטשנ דערשאָסנ פאר אנ אומפּאָרזיכטיק וואָרט אינעמ ערשטנ טאָג פונ זייער ארײַנטרעטנ אינ קראסנאָדאר.

אכ, דאָס ביסל מילכ אינעמ פּאָשעטנ ערדענעמ קריגל! וואָס פאר א טאמ פונ פרײַנטשאפט עס פארמאָגט! דווירע האָט זיכ ווידער אויסגעצויגנ אפ דער ערד, ארומגענומענ דאָס קריגל מיט ביידע הענט, אָנגעשפּארט אפ זײַנ ראנד דעמ קאָפּ אונ לאנג, לאנג געוויינט. זי האָט געווײנט דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט פונ איר אומקערנ זיכ קיינ קראסנאָדאר.

דווירע האָט זיכ גוט אויסגעוויינט אונ דערנאָכ אופגעהויבנ זיכ פונ דער ערד א באריִקטע, ווידער אנ ענערגישע. די טרערנ האָבנ ווי ארָאָפּגעוואשנ די ביטערקײַט פונ איר נעשאָמע אונ קלאָרער געמאכט דעמ פארשטאנד. זי האָט זיכ שוינ ניט געפילט אזוי עלנט אונ פארלאָזט. דווירע האָט פעסט באשלאָסנ אינ דער געסטאפּאָ זיכ מער ניט צו ווײַזנ אונ פונ דער דירע אויכ באלד, די מינוט פארשווינדנ.

דווירע איז אוועק אפנ מארק אונ אופגעזוכט דאָרט נאסטיענ, מיט וועלכער זי האָט זיכ באקענט ערשט מיט עטלעכע וואָכנ צוריק. נאסטיעס מאנ, א קוואליפיצירטער מעטאליסט, האָט געארבעט אינ איינער פונ די גרויסע סאָוועטישע שטעט אפ א מיליטערישנ זאוואָד. זײַנ יונגע פרוי האָט אינ דער געפאנגענער שטאָט געהאנדלט מיט וואסער אפנ ליידיקנ מארק. אָנקומענ אפ אנ ארבעט פאר די דײַטשנ האָט זי בעשומויפנ ניט געוואָלט. אינ דער היימ פלעגט זי איבערלאָזנ אפ העפקער איינ קינד פונ 3 כאדאָשימ אונ א צווייט—פונ 3 יאָר. געווינט האָט זי ווײַט הינטער דער שטאָט.

— נאסטיושא, — האָט געזאָגט דווירע, — מיר זײַנענ ביידע עלנט אונ אָרעמ, טאָ לאָמיר לעבנ צוזאמענ, וועט אונדז עפשער זײַנ גרינגער איבערצוקומענ די שווערע צײַטנ. לאָז מיכ נאָר ארײַנ צו זיכ, וועל איכ היטנ דײַנע קינדער, פונקט ווי מײַנ אייגנס. קיינ שומ ארבעט וועט מיר ניט זײַנ צו שווער. נאָר אײַנמעלדנ זיכ דארפ מענ ניט, — האָט זי שטיל צוגעגעבנ.

— גוט, מומע ווערע, קומט צו מיר. — האָט פּאָשעט געענטפערט נאַסטיע.

דעמ זעלבנ טאָג נאָכ איז דווירע אריבער צו נאַסטיענ. אינ שטאָט אריינ האָט זי זיכ שוינ מער ניט געוויזנ. אזוי האָט זי זיכ אויסגעבאהאלטנ, ביז... ביז זי האָט זיכ שוינ ניט געקאָנט באקלאָגנ אפ דער פּוסטקייט פונ די הימלענ. אינ הימל האָבנ זיכ באוויזנ סאָ־וועטישע ערעאָפּלאנענ. אונ כאָטש די דאָזיקע ערעאָפּלאנענ האָבנ גע־וואָרפנ בלעטלעכ, ווי מע האָט געוואָרנט די באפעלקערונג, אז א באָמבע שיידט ניט אונטער צווישנ א פיינט אונ א פריינט, האָט זיכ קיינער פאר די באָמבעס ניט געהיט. מע איז געשטאנענ רעדלעכווייז אפנ גאס, צוגעקוקט זיכ צו די לופט-שלאכטנ, הויכ אפ א קאָל ארויס־געזאָגט פארשיידענע האשאָרעס אונ אָפּנ געפרייט זיכ. די פרייד פונ דערווארטונג איז געווענ שטארקער פונ דער שרעק פארנ טויט.

שרעקלעכ איז געווענ דאנ, ווענ קיינ באָמבעס זיינענ ניט געפאלנ. דאנ זיינענ די גאסנ געווענ פּוסט, ווי אויסגעשטאָרבנ. פארנ פאר־לאָזנ די שטאָט האָבנ זיכ די דייטשנ פארווילט, אונ ס'איז געווענ געפערלעכ צו ווייזנ זיכ זיי אפ די אויגנ. דייטשנ האָבנ געשאָסנ ווו אונ אינ ווענמענ סע האָט זיכ געמאכט. זיי האָבנ געהארגעט מענטשנ אמאָל מיט א ספּעציעלנ ציל, אמאָל פונ ווילדער צעיושעטקייט, אמאָל סטאמ אזוי, פארוויילנדיק זיכ.

אָט שטייט א יונגער דייטשישער סאָלדאט אונ קנאקט זאָרגלאָז קערלעכ. פונדערווייטנס שלייכט זיכ דורכ מיט שנעלע דערשראָקענע טריט א מיידל פונ א יאָר פופצנ.

— רוס, נעמ קערלעכ, — שרייט פריילעכ דער דייטש.

דאָס מיידל ווייסט, אז ס'איז א סוינע, א כייע, אז מע דארפ זיכ פונ אימ היטנ, נאָר זי איז הונגעריק אונ אינסטינקטיוו קערט זי אויס צו אימ איר בלייכ אויסגעצערט פּאָנעמ. דער דייטש שיסט איר אויס גלייכ אינ מויל אריינ.

א קליינ ייִנגעלע יאָגט זיכ אינ גאס נאָכ א הינטל. א דייטש שיסט, ס'איז ניט באוווסט אינ ווענעמ, אָבער די קויל טרעפט דאָס קינד.

דייטשנ ציינדנ אונטער הייזער אונ שיסנ אינ די מענטשנ, וואָס שפרינגענ דורכ די פענצטער. דייטשנ זיינענ פארצאָרנט, דייטשנ מאכנ זיכ פריילעכ.

ס'איז אָבער ענדלעכ געקומענ א נאכט, ווענ אינ שטאָט איז אריינ דער ערשטער סאָוועטישער אויסשפּיר-טייל, אונ פרי פארטאָג האָט דווירע דערהערט נאַסטיעס פריידיקנ אויסגעשריי:

— מומע ווערע, זעט נאָר, ווי זיי גייענ, אונדזערע, אונדזערע גרויע שינעלנ!

זיי זײַנענ געגאַנגענ אָנ א שיר אונ אָנ אנ ענדע, פאַרשטויבטע, אויסגעמאַטערטע אונ ניט געקאָנט באַהאַלטנ די שמייכלענ אפ די באַוואַקסענע פּנימער. ס׳האָבנ געשטערט צו באַוועגנ זיך די גרויסע מענגעס מענטשנ אפ די גאַסנ (פונוואַנענ האָבנ זיך גענומענ אינ דער טויטער שטאָט אַזויפיל מענטשנ?). פרויענ האָבנ דערלאַנגט די רויט-אַרמייער ציטעריק אָפּגעשפּאָרטע שפּײַז, טאַבעק, פּאַפּיראָסנ, נאָר די רויטאַרמייער האָבנ גאָרנישט געוואָלט נעמענ אונ אַלע אײנײנעם גע-ענטפערט: „א דאַנק! מיר האָבנ אַלצ, עסט אַלײנ!" פונ די ווענט אונ פּאַרקאַנעס האָבנ באַגריסט די זיגער פּאָשעטע אויפשריפטנ, געשריבענע מיט בלײַערס, מיט קרײַד, מיט פאַרב, געשריבענע מיט ציטערדיקע פרײַנטלעכע הענט: „א דאַנק, כאַווײרים! זײַט געגריסט, רעטער אונדזערע!"

אינ עטלעכע טעג אַרום איז בראָווקאָ, דער פּראָוואַלטער פונעם פינאָפּטײל פונעם קראַכנאָדאַרער וואָיענקמאַט, ווו דווירע האָט א היפּשע צײַט באַקומע: געלט אפ די אַטעסטאַטנ פונ אירע דרײַ זינ, געגאַנגענ איבער אײנער פונ די צענטראַלע גאַסנ פונ דער שטאָט. צו אים איז צוגעגאַנגענ א פרוי אינ אַנ אַלט געקעכטלט פאַרלאַטעט קלײדל. זי האָט געפירט בא דער האַנט א בלאָנד-האָריק מײדעלע מיט א גרינ פּענעמל, מיט גרויסע שוואַרצע רעדער אונטער די אויגנ. דאָס קינד האָט אויסגעזענ אַזוי, פּונקט ווי ס׳וואָלט שוינ דורכגעלעבט א לאַנג שטורמיש לעבנ.

—ווערא איסאַיעוונא!—האָט אויסגעשריענ בראָווקאָ,—דאָס זײַט איר?

— יאָ, דאָס בינ איך, — האָט געענטפערט דווירע, — אונ ווי איר זעט, לעב איך נאָך.

בראָווקאָ האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אינ דווירעס שטאַרק פאַר-ענדערט פּאָנעם אונ האָט מיט גרויסנ ערנסט צעקושט זיך מיט איר דרײַ מאָל לויטנ אַלטנ רוסישנ מינהעג.

אינ א פּאָר שאָ אַרום האָט זיך דווירע געזעצט שרײַבנ א בריוו צו איר אײדעמ, צו סאַפּאָטשקינס פאָטער אפנ פראָנט. זי האָט זײער לאַנג געשריבנ, ווײַל דער בריוו האָט געהאַלטנ 14 זײַטנ. זי האָט צונויפגעלײגט דאָס פּאַפּיר אונ אַרויסגעקוקט פאַרטראַכט דורכנ פענצ-טער. ס׳איז געווענ א ליכטיקער, צעשפּילטער טאָג, אונ די גאַס איז פול געווענ מיט גרויע שינעלנ.

—★☆★—

הײַנט

עס זײַנען געשטאַנען װיסטע האַרבסטיקע טעג. אין שטאָט איז ניט געװען קײן ליכט, קײן באַהײצונג, קײן װאַסער, קײן שפּײַז. די טראַמװײַען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער שטאָט האָט פאַרפעלט אָטעם, און זי האָט זיך װי דערװאָרגן מיט איר לעצטן געשרײ. אירע פײַנע ברײטע גאַסן האָבן באַטראָטן דײַטשישע שטיװל.

די שטאָט האָט געהונגערט. די ערשטע צײַט האָט מען אַף די מערק געביטן אַ פּוטער אַף אַ לאַבן ברױט, אַ קלײד — אַף אַ פּאָר קאַרטאָפל. שפּעטער זײַנען שױן קײן מערק אַף צו בײַטן אױך ניט געװאָרן. ס'איז אין דער שטאָט ניט געבליבן קײן סימען פון שפּײַז. דאַן האָבן אָנגעהױבן פון פרי ביז שפּעט צו סקריפּען שליטנס אין די גאַסן. אַף די שליטנס האָט מען געפירט געשטאָרבענע, אָן טרונעס, אָנגעטאָן אין די קלײדער, אין װעלכע ס'האָט זײ געטראָפן דער טױט. די באַגלײטנדיקע זײַנען געגאַנגען אײַנגעשפּאַנט אינעם שליטן, שטיל, אָן טרערן, קױם רירנדיק מיט די מידע פיס. פאַר דעם גרעסטן אומגליק האָבן זײ גערעכנט — באַגעגענען אַ דײַטש. אַזאַ באַגעגעניש איז געװען אַ פאַרשװעכונג פאַרן טױטן.

אַף די ברײטע שטאָטישע גאַסן האָבן געסקריפּעט אױך די שליטלעך, מיט װעלכע אײַנגעהױקערטע, אױסגעצערטע פרױען האָבן זיך געלאָזן אין די נאָענטע דערפער נאָך שפּײַז. די עטלעכע קלײדלעך, העמדער, האַנטעכער, װאָס זײ פלעגן מיטנעמען אַף צו בײַטן אין דאָרף, פלעגן זײ אַרומװיקלען אַרום קערפּער, אַרום די פיס, פאַרבאַהאַלטן אין די בוזעמס, קעדײ די דײַטשן זאָלן עס בײַ זײ ניט אָפּנעמען. אין װעג פלעגן זיך לאָזן שכײנעס פון עטלעכע הױפן מיטאַמאָל. ס'איז זײ געװען הײמלעכער אַלע צוזאַמען. די פּראָצעסיעס מיט די לײדיקע שליטלעך האָבן אױך געמאַכט אַן אײַנדרוק פון לעװײַעס. ס'האָט אױסגעזען, װי מע װאָלט די באַרמינענס פון די שליטנס ערגעץ אין װעג פאַרלאָרן און איצט קערן זיך אום די דערשלאָגענע קרױװים מיט לײדיקן.

צוריק האָבן זיך די פרױען באַמיט אומצוקערן אינדערפינצטער, שטילערהײט. זײ זײַנען געװען גרײט גיכער אָפּצוגעבן זײער לעבן,

איידער די מאָגערע זעקלעך אף די שליטלעך. די זעקלעך האָבן גע-
זיכערט אף א ביסל צייט דאָס לעבן פאַר זייערע קינדער.

פון אָט דער אוקראַינישער שטאָט האָט זיך געצויגן אף הונדער-
טער קילאָמעטערס א ברייטער אספאלטירטער שאָסיי. איבער דעם דאָ-
זיקן שאָסיי האָבן רעכט געהאַט צו באַוועגן זיך בלויז דייטשן. די
אויסגעצערטע פרויען האָבן געפירט זייערע שליטלעך איבער דער
האַרטער פאַרפראָרענער ערד. זיי זיינען אָפט געפאַלן אין די שניי-
הורבעס, אופגעהויבן זיך און געגאַנגען ווייטער, אויסדרייענדיק זיך
די פיס איבער דעם ווינטערדיקן געפאַלדעוועטן וועג. זיי זיינען גע-
גאַנגען פינקטלעך, לויטן געזעץ.

מיט יעדער וואָך, מיט יעדן טאָג איז דער מאַרשרוט פון די
פרויען געוואָרן אלץ שווערער און ווייטער פון דער שטאָט. אין די
אַרומיקע דערפער האָט מען שוין גאָרנישט געקאָנט קריגן. די דאָר-
פישע קינדער האָבן געקוקט אף די געקומענע מיט הונגעריקע פרעגנ-
דיקע אויגן — עפשער האָבן די פרעמדע עפעס געבראַכט פון זייערט-
וועגן. איצט איז שוין אויסגעקומען צו לאָזן זיך אין וועג נאָך א
ביסל מעל אָדער קאַרטאָפל אף 150—200 קילאָמעטערס, פאַר הונגעריקע
מאַמעס איז עס געווען צו ווייט. די פּאַסאַזשיר-באַוועגונג פאַר דער
באַפעלקערונג איז אָפּגעשאַפט געוואָרן באַלד, ווי די דייטשן האָבן
פאַרנומען די שטאָט.

דאַן האָבן הונגעריקע מאַמעס, שכיינעס פון גאַנצע קוואַרטאַלן
גענומען גיין מאַסנווייז אף דער ווייטער פראַכט-סטאַנציע. קיין
שליטלעך האָבן זיי שוין נאָך זיך ניט געשלעפט, ווייל צופוס האָט
מען שוין אַלציינס ניט געהאַט וווהין צו גיין, און דער ווינטער האָט
זיך דאָ אויך קיינמאָל לאַנג ניט געהאַלטן. אין די לאַנגע פראַכט-
צוגן האָט זיך אמאָל געמאַכט א ליידיקער וואַגאָן. די גאַנצע פרויענ-
מאַכנע פלעגט זיך אהין מיט אימפעט א לאָז טאָן. דייטשן האָבן גע-
שאָסן יעדעס מאָל אין די לויפנדיקע פרויען. א טייל פון זיי פלעגט
זיך דאָך איינגעבן ארייננצוכאַפּן זיך אין וואַגאָן. אין דער לעצטער
מינוט פאַרן אָפּגאַנג פונעם צוג פלעגן נאָך עטלעכע פרויען זיך אראָפּ-
קייקלען פון די אָפענע פלאַטפאָרמעס. דער צוג פלעגט זיך רירן פון
אָרט אין דער פינקטלעך אָנגעמערקטער צייט און רויק דורכשלעפּן
זיין גאַנצן לאַנגן וואַגאָנעס-באַשטאַנד איבער זייערע קערפּערס.

דער הונגער איז אין דער שטאָט געוואַקסן, און דערפאַר זיינען
געוואַקסן אויך די פרויען-מאַכנעס, וואָס האָבן געזוכט שפּייז. פאַר-
לאָזנדיק די היים, האָט מען זיך געזעגנט מיט די קינדער, פאַר וועלכע
מע האָט געשטעלט דאָס לעבן אין קאָן און מע איז געווען שוויי-

געוודיק אונ אנטשיידנ, ווי פאר א געפערלעכער שלאכט, דערצו נאָכ מיטנ פולנ באַוווסטזײַנ פונ דער אייגענער אומבאַוואָפנטקײַט.

די הונגעריקע פרויענ-מאַכנעס פלעגנ אָפט דורכגיינ פארבײַ דעמ הויז, ווו ס'האָט זיכ שוינ היפּשע עטלעכע כאָדאָשימ אויסגעבאַהאַלטנ בא רוסישע פרײַנט די דאָקטערנ כאַנע בערלינ. זי האָט טרויעריק ארויסגעקוקט דורכנ בוידעמ-פענצטערל אפ דער גאס אונ שטארק מעקאַנע געווענ די פרויענ, וועלכע ס'פארבינדט איינ געמיינזאַמער אומגליק. זי האָט שוינ מער ניט געקאָנט טראָגנ אפ זיכ אליינ איר אייגענעמ בראָכ. דאָס גאַנצע לעבנ איז איר געוואָרנ איבערדריסיק אונ שווער. זי האָט זיכ געפילט שרעקלעכ דערנידעריקט יעדעס מאָל, ווענ איר איז אויסגעקומענ ארײַנצושטופנ איר יונגנ, שלאַנקנ קערפּער אינ יעדער שמוציקער לאָכ, ווענ זי פלעגט זיצנ צונויפגעדרייט אינ־דרײַענ פונ קעלט אפ קופּעס מיסט, אנ אײַנגעדעקטע מיט שמוציקע זעק, ביז ווי א טײַוול. זי האָט זיכ געפילט שולדיק פאר אירע פרײַנט, ווענ זי פלעגט זענ, ווי עס ווערנ בלאס אונ אויסגעצויגנ זייערע פּענעמער בא יעדנ קלאַפּ אינ טיר. זי האָט מער ניט געוואָלט זײַנ קיינעמ צו לאַסט אונ פירנ ווײַטער דאָס פּוסטע האָפנונגסלאָזע לעבנ. ביסלעכווײַז איז בא כאַנענ רײַפ געוואָרנ א פארשײַטער געפער־לעכער פּלאַנ — ארײַנצודרייענ זיכ צווישנ די פרויענ אונ מיט זיי צו־זאַמענ פארלאָזנ די שטאָט, ארויסרײַסנ זיכ פונ דער נימעסער שטײַג, קעדיי מער אהער ניט אומצוקערנ זיכ.

סאָפּקאָלסאָפּ איז געקומענ א טאָג, ווענ כאַנע בערלינ האָט גע־שפּאַנט צוזאַמענ מיט נאָכ פיל פרויענ איבער די שטאָטישע גאסנ צו דער סטאַנציע. זי איז געווענ ארומגעוויקלט מיט א גרויסער טוכ, אזוי אז איר פּאָנעמ האָט זיכ קימאַט ווי ניט ארויסגעזענ. אונטער דער טוכ האָט זי פעסט געדריקט צומ הארצנ א רוסישנ נאַהאַנ, אנ אײַנ־געוויקלטנ אינ א געשטריקטנ קאָפּטל. מיט דעמ נאַהאַנ האָט זי זיכ ניט געשיידט אפ קיינ איינ מאָמענט. זינט די דײַטשנ האָבנ פארנומענ די שטאָט, איז ער בא איר שטענדיק געווענ אָנגעלאָדנ.

די פרויענ זײַנענ געגאַנגענ אלצ פּאָרויס, אָנגעטאָנ אינ טונקעלע קליידער, מאָגערע, אויסגעטריקנטע, מיט ערנסטע פינצטערע פּענעמער. זיי האָבנ זיכ דערנענטערט צו דער סטאַנציע. זיי האָבנ זיכ געלאָזנ לויפנ צו א פּוסטנ וואַגאָנ. פּלוצלינג זײַנענ זיי געבליבנ שטיינ פאַר־לאָרענע, דריקנדיק זיכ איינע צו די אנדערע. עטלעכע אויסגערוטע, גוט אויסגעפּאַשעטע דײַטשנ זײַנענ געשטאַנענ אָנ א זײַט, געקוקט אפ די פרויענ אונ רויִק געשמועסט צווישנ זיכ. איינער פונ זיי האָט געלאַכט. די רויִקײַט פונ די דײַטשנ האָט אָנגעוואָרפנ אפ די פרויענ

א גוואלדיקנ פאכעד. זיי האָבנ זיכ דערשראָקנ פאר דעמ, וואָס מע האָט אינ זיי ניט געשאָסנ. די פינצטערניש פונעמ פוסטנ וואגאָנ, וואָס האָט ארויסגעקוקט פונ די פאנאנדערגעפראלטע טירנ, האָט ווי פאר־טייַעט אינ זיכ א נייַעמ, ניט געזעענעמ זומגליק. די פרויענ האָבנ געקוקט איינע אפ די אנדערע מיט ברייט פאנאנדערגעעפנטע פוסטע אויגנ. אינ איינ מאָמענט איז די גאנצע מאכנע געווענ גרייט לויפנ צוריק. דאנ האָט כאנע די ערשטע א ריס געטאָנ זיכ פונ אָרט אונ געלאָזנ זיכ צומ וואגאָנ. אלע פרויענ האָבנ שוינ איצט אָנ אָטעמ, ארומגעכאפטע פונ א ווילדער שרעק, געטראָגנ זיכ נאָכ איר. כאנע איז די ערשטע ארייַנגעשפרונגענ אינ וואגאָנ אונ א מידע, אנ אויס־געשעפטע פונ דער איבערגעלעבטער אופרעגונג, האָט זי זיכ פאר־שלאָגנ אינעמ סאמע ווייַטנ ווינקל אונ א שלייַדער געטאָנ זיכ אפ דער ערד. די פרויענ האָבנ שנעל געקלעטערט אינ וואגאָנ. די, וואָס האָבנ זיכ שוינ ארופגעכאפט, האָבנ אויסגעשטרעקט די הענט אונ געצויגנ צו זיכ די איבעריקע. עס האָבנ ארייַנגעקלעטערט אלע, ביז איינער.

די פרויענ האָבנ זיכ שטיל צעזעצט אפ דער ערד. אלע האָבנ שווער געעטעמט. מע האָט זיכ אָנגעהויבנ צו בארויִקנ. מע האָט גע־נומענ שטיל שמועסנ צווישנ זיכ.

— ס'האָט אונדז הייַנט אָפגעגליקט... ווילע דייַטשנ... — האָט אָנגעהויבנ אנ עלטערע פרוי, — אָט, יענע וואָכ...

די פרוי האָט ניט באוויזנ צו ענדיקנ איר פראזע, ווי באמ ארייַנ־גאנג אינ וואגאָנ האָבנ זיכ באוויזנ שארפע מאָרדעס פונ דייַטשישע אויסשפיר־הינט. די הינט זייַנענ ארייַנגעשפרונגענ אינ וואגאָנ, אונ נאָכ זיי האָט זיכ אופגעהויבנ אפ א ספעציעל צוגעשטעלטנ לייטערל א דייַטשישער אָפיצער.

אינ וואגאָנ איז שטיל געוואָרנ. די פרויענ האָבנ ווי פארשטיי־נערטע געקוקט אפנ אָפיצער מיט זייַנע הינט.

„דאכט זיכ, אז אָט דער האָט עס פריִער געלאכט. אונ עפשער ניט דער... ס'איז אלצייינס...“ — האָט זיכ דורכגעטראָגנ בא כאנע אינ מויעכ.

דער דייַטש האָט רויִק אונ קאלט באטראכט די דערשראָקענע פרויענ. ער איז געשטאנענ עטלעכע רעגעס אינ א גאלאנטער פאָזע אונ דערנאָכ האָט ער מיט א פעכטנ מאָנ, אָבער ניט אופהייבנדיק די שטימ, עפעס פארארדנט זייַנע פייַנ־אויסגעהאָדעוועטע, געהאָרכזאמע הינט. אײדער די פרויענ האָבנ באוויזנ ארויסצולאָזנ א געשריי, האָבנ זיכ די הינט ניט זיי א וואָרפ געטאָנ.

כאַנע האָט דערפֿילט אַן אָפּטויטנדיקע שוואַכקייט אין אַלע גלידער, וואָס איז באַלד פֿאַרביטן געוואָרן אויף אַן אומנאַטירלעכער רויִקייט און ניכטערקייט פֿון געדאַנק. זי האָט שנעל אַרויסגעצויגן דעם לאַנג אָפּגעהיטענעם, אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסן דעם אָפֿיצער גלײַך אין שטערן אַרײַן, עטוואָס העכער פֿון די הינטיש-צערייצטע אויגן. כאַנע האָט נאָך באַוויזן צו באַמערקן, ווי ער איז אומגעפֿאַלן. אין דעם זעלבן אויגנבליק איז איר רעכטע האַנט און איר פֿרישער מיידלשער האַלדז פֿאַרפֿרעסט געוואָרן צווישן הינטישע ציין.

הינט האָבן געריסן מענטשלעכע לײַבער אויף שטיקער. פֿרויען האָבן געשריִען און געריפֿן נאָך הילף מיט לעצטע גסיסעדיקע אײמע-געשרייען. צום וואַגאָן זײַנען געלאָפֿן דײַטשן, ליבהאָבער פֿון פֿאַרווײַלונגען. צווישן די צעריסענע פֿרויען-קערפּערס האָט זיך געוואַלגערט אויך דער קערפּער פֿון זייער אָפֿיצער.

די דײַטשן האָבן מער ניט געלאַכט.

—★☆★—

באמ ברונעמ

זי האָט פארלאָזנ דאָס דאָרפ מיטוואָכ פארטאָג. זי איז געגאנגענ אינ שכיינעסדיקנ יישעוו האלטנ זיכ אנ אייצע, ווענ אונ וויאזוי מע זאָל זיכ לאָזנ אינ וועג. צוויי אזייגער באטאָג איז דער אלטער יידישער יישעוו פול געוואָרנ מיט כרייפע-פייערנ, מיט קרעכצנ אונ געוויינענ. עס האָבנ זיכ באוויזנ דייטשישע אעראָפּלאנען. מענטשנ האָבנ געוואָרפנ זייער האָב-אונ-גוטס אונ זיינענ ווי צעמישטע געלאָפנ, אליינ ניט וויסנדיק ווּהינ. זי איז אינערגעצ ניט געלאָפנ. זי האָט פאראקשנט אויכגעווארט, ביז מע וועט זיכ קאָנענ אומקערנ אהיימ. דאָרטנ האָט זי איבערגעלאָזט איר מאנ, איר טאָכטער אונ א דרייאָריק אייניקל.

דאָנערשטיק, ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבנ טאָגנ, האָט זי זיכ געלאָזנ צוריק אהיימ. נעכטנ נאָכ איז צו איר דערגאנגענ א קלאנג, אז זייער דאָרפ איז פארנומענ פונ די דייטשנ. נאָר אלצייינס, זי איז געלאָפנ אהיימ מיט באקאנטע וועגנ, אונ פאָרויס איז געלאָפנ דער אומגליק. זי האָט געוווּסט, אז זי האָט שוינ מער ניט קיינ פאמיליע אונ קיינ היימ. זי האָט זיכ דערנעענטערט צומ דאָרפ אונ האָט עס ניט דערקענט. פונ אלע הייזער זיינענ געבליבנ בלויז קופּעס אש, אונ אומעטומ האָבנ זיכ געוואלגערט הארוגימ. צווישנ די טויטע האָט זיכ איר געוואָרפנ אינ די אויגנ א באקאנט בערדל אונ א פיל מאָל געזעענס געקווייטלט טיכל. זי האָט פארמאכט די אויגנ. זי האָט גאָרנישט געוואָלט זענ אונ גאָרנישט געוואָלט וויסנ. זי איז געגאנגענ אהיימ.

לעבנ אנ איינגעפאלענער כאטע איז געשטאנענ א פויער.

— פונוואנענ גייסטו עס, אבראמאָווא? — האָט ער זיכ צו איר אָנגערופנ.—א כוואָראָבע אפ זיי. זע נאָר, וואָס זיי האָבנ עס א ביסל אָפּגעטאָנ נאָר א קארגנ מעס'עס. אונ אינ דאָרפ איז איצט סטאמ קיינער ניטאָ, ניט זייערע, ניט אונדזערע.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט אונ געגאנגענ ווייטער. איר פייגשטיבל מיטנ שטאל, מיטנ ברונעמ אפנ הויפ איז געשטאנענ גאָר באזונדער, א 2—3 ווערסט פונעמ דאָרפ אפ א בערגל. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט דערזענ פונדערווייטנס, איז געווענ דער אינ דער הייכ

אויסגעצויגענער ברונעם-שטאנג. זי איז געגאנגען פּאָרויס, ניט אראָפּנעמענדיק פון אים די אויגן. ס'האָט זיך איר אָנגעהויבן דוכטן, אז דער עמער אפן ברונעם וואַקסט, ווערט געשוואָלן, ציט זיך פאנאנדער אין דער לענג און אין דער ברייט, און ביכלאל איז עס שוין גאָר ניט ענלעך אפ קיין עמער.

ניין, מער וועט זי אפן ברונעם ניט קוקן. דאָס מאכט זי מיד. עס פארלאנגזאמט איר טראָט. אָט זעט זיך שוין איר הויף און איר שטיבל, דאָס איינציקע גאנץ געבליבענע שטיבל.

פונעם הויף האָט זיך צו איר דערטראָגן דאָס וואָיען פון א הונט—דאן האָט זיך בא איר דאָס הארץ אפ א ווײַלע אָפּגעשטעלט און דערנאָך האָט עס אָנגעהויבן מעשונעדיק קלאפּן און רײַסן זיך פון דער ברוסט. זי איז ארײַנגעלאָפן אין הויף.

אפן שטאנג פונעם ברונעם איז געהאנגען איר יויסעף. זײַן באָרד איז האכנאָעדיק געלעגן אפ זײַן ברוסט. די אראָפּגעלאָזענע אקסלען און די מאכטלאָז אראָפּהענגענדיקע הענט האָבן אויסגעדריקט דעם טיפסטן ייעש: אז וואָס קאָן איך שוין דאָ העלפן? צום צווייטן עק פונעם שטאנג איז געווען צוגעבונדן א שטיין, קעדיי דער קערפּער זאָל זיך ניט אראָפּלאָזן.

אפ דער ערד לעבן ברונעם איז געלעגן איר טאָכטער, די פינף-און-צוואנציק-יאָריקע ביילקע. די אויגן זײַנען בא איר געווען אויסגעשטאָכן. זי איז געלעגן אפן רוקן און געקוקט מיט די פּוסטע אויגן-לעכער גלײַך אין הימל ארײַן. לעבן איר איז געזעסן אפ די הינטערשטע לאפּעס זייער אלטער הונט און האָט יאָמערלעך געוואָיעט, פארײַסנדיק אין דער הייך די מאָרדע.

בא דער וואנט פונעם הויז איז געלעגן די גרויסע הילצערנע קאדקע, אין וועלכער די אלטע כײַע-עסטער פלעגט געוויינלעך אײַנזאלצן פלייש אפן גאנצן ווינטער. מיטוואָך פארטאָג, ווען זי האָט פארלאָזן די היים, איז די קאדקע געווען אָנגעפילט מיט וואסער. איצט איז זי געלעגן אפ א זײַט און צוזאמען מיטן וואסער איז פון איר ארויסגעשווומען דער קליינער עליקל. זײַן קערפּערל איז געווען געשוואָלן און בלוי.

כײַע-עסטער, די וווּקסיקע קרעפטיקע ייִדענע, די בעסטע מעלקערן אין קאָלווירט, האָט זיך מיטאמאָל דערפילט שוואך און אלט, זייער אלט. ס'האָט איר קוים געסטײַעט קויעך אופצוהייבן דעם קליינעם עליקל און אוועקלייגן אים לעבן זײַן מוטער. כײַע-עסטער האָט מיט מוטנע פארגאָסענע אויגן באטראכט אירע טײַערע תּארוגים. זי האָט

פארבראָכן די הענט און גענומען באַקלאָגן זיי הויך אויף א קול, מיט א ניגון, אויף אַלטן יידישן שטייגער.

— יויסעף, מײַן טרײַער מאַן,—האָט זי געטײַנעט,—צי געדענקסטו, יויסעף, וואָס ס'האָט געזאָגט דײַן טאַטע צו אונדזער כאַסענע. „נאָט אײַך, קינדערלעך,—האָט ער געזאָגט,—נאָט אײַך אָט די כאַטע און זאָל זי פאַר אײַך זײַן א גוטע נעסט און זאָלן זיך אין איר מערן און פּרוכפּערן די פייגעלעך און זאָל זײַן אין איר וואַרעם און גוט". און נאָך האָט אונדז געזאָגט דער טאַטע דײַנער: „וואַרט ניט אויף קיין ניסים, קינדערלעך! א מענטש דאַרף פאַרגיסן זײַן שווייס און דאַן קומט צו אים די שעפע און זעט". און מיר האָבן געהאָרעוועט, יויסעפקע, מיט שווערער מי האָבן מיר געשאַפן אונדזער גליק. איז וואָס איז געוואָרן פון אונדזער נעסט, יויסעפקע? די נעסט איז דאָ, נאָר די פייגעלעך זײַנען ניטאָ.

— טאָכטער, טאָכטער.—האָט זי ווײַטער געטײַנעט,—צי ווייסטו, אז לעבן דיר ליגט דײַן אייפעלע א געשוואָלנס, צי האָבן נאָך דײַנע ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי די דימענטן, געזען, ווי מע האָט אים געטרונקען, אָדער זיי האָבן זיך פריער פאַרמאַכט?

און אויף וועמען האָט איר מיך איבערגעלאָזט, מײַנע טײַערע, און פאַר וועמען זאָל איך זיך באַקלאָגן, אז מײַנע זין זײַנען ווײַט פון מיר און מײַן עלטסטער וועט שוין צו מיר קיינמאָל ניט קומען. און מיר, דער אַלטער כײַע-עסטער, איז באַשערט אײַך אַלעמען איינעם צו באַקלאָגן. אײַ, זון מײַנער, שאָלעמקע, מײַן אויג אין קאָפּ, דאָס ערשטע פייגעלע, וואָס איז אַרויסגעפלויגן פון מײַן נעסט. דײַנע הענט און פיס האָבן זיך געוואַלגערט אין פרעמדן פעלד און צו קוורע ביסטו געקומען ווײַט פון דער היים, אין דער פרעמד, און דײַן מאַמע האָט דיך ניט געזען אין דײַן לעצטער שאָ... און דו זעסט ניט איר פּײַן...

אָט אזוי האָט געטײַנעט די אַלטע כײַע-עסטער, זיצנדיק א צונויפגעהויקערטע אויף דער ערד, באַם ברונעם. זי האָט געטײַנעט וואָס ווײַטער אַלץ שטילער. איר שטים איז געוואָרן אַלץ הייזעריקער. דער היימישער הונט איז שוין איצט געלעגן לעבן איר, געקוקט איר טרײַ אין די אויגן אַרײַן און געלעקט אירע הענט.

כײַע-עסטער האָט זיך דערפילט זייער מיד, זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און אין האַלבן דרימל האָט זי דערזען לעבן זיך איר מיזיניק אזריעלקען, און א וואַרעמקײַט האָט פאַרפלייצט איר האַרץ. ער איז דאָך נאָך גאָר א קינד, אזריעלקע, — האָט עפּעס אין איר א שמייכל געטאָן. אין איר פאַרמאַטערטן דרימלענדיקן מויעך האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן איינס נאָך איינס ווערטער פון אזריעלקעס לעצטן

בריוו. די ווערטער האָבנ זי ווייטעקלעכ געוואַרעמט, אונ זי האָט זיי אינערלעכ ארויסגעזונגענע אפנ זעלבנ אופנ, ווי זי האָט אָט דאָ ערשט באקלאָגט אירע ליבע.

„טײַערע מאַמע,—האָט געשריבנ אזריעלקע,—מיר האָבנ ניט לאנג אונטערגעשאָסנ א דײַטשישנ סאמאָליאָט. דער סאמאָליאָט האָט זיכ אָנגעצונדנ. פונ אימ איז ארויסגעפאלנ דער פליער. זײַנ קאָפּ איז אָפּגעשפּרונגענ אָנ א זײַט. דאָס איז געווענ א יונגער, שיינער בלאָנדער קאָפּ, מאַמע, נאָר איכ האָב אפ אימ קיינ האָר ראכמאָנעס ניט געהאַט. איכ האָב געדענקט, אז אזעלכע, ווי ער, וואַרפנ באָמבעס אפ פרויענ אונ קינדער, וועלכע לויפנ הוילע, נאַקעטע אפ די וועגנ. כ׳האָב געטראַכט וועגנ אײַכ, מײַנע טײַערע, כ׳האָב מוירע געהאַט, אז אזא מינ בלאָנדער זאָל אויכ אײַכ ניט אָנטאָנ קיינ שאָדנ, אונ איכ האָב אימ געהאַסט, אוי, האָב איכ אימ געהאַסט, כאָטש עס איז שוינ געווענ ניט מער, ווי א טויטער קאָפּ".

כײַע-עסטער האָט אופגעציטערט. זי האָט אָפּגעטרייסלט פונ זיכ דעמ דרימל אונ ס׳האָט זי א צי געטאָנ אינ שטוב ארײַנ. ס׳האָט זיכ איר פארוואָלט א קוק טאָנ אפ דער פאָטאָגראפיע פונ אזריעלקע אונ אויסטײַנענ זיכ אויכ פאר אימ, פארנ איינציקנ לעבעדיקנ גליד פונ איר קערפּער, דערציילנ אימ פונ אלצ, פונ אלצ... זאָל ער וויסנ...

זי האָט זיכ אופגעהויבנ פונ אָרט אונ איז מיט די שווערע געוואָרענע, אָנגעגאָסענע פיס ארופגעשטיגנ אפ די דרײַ טרעפּלעכ פונעמ גאנעקל. די טיר איז געווענ פאנאנדערגעפאלעט. די צוויי גרויסע פויערשע קערב זײַנענ געווענ אויסגעליידיקט. די בענקלעכ אונ דער טיש זײַנענ געווענ איבערגעקערט, אונ אפנ דיל האָבנ זיכ געוואלגערט צעבראָכענע טעלער מיט רעשטנ פונ שפּײַז, פלעשער פונ בראנפנ אונ ווײַנ.

זי איז ארײַנ אינ דער טאָכטערס צימער, אונ דאָ האָט זיכ אירע איבעראשטע אויגנ פאַרגעשטעלט גאָר אנ אומדערוואַרט בילד. אפנ ציכטיקנ ניקלנעמ קינדערשנ בעטל איז געלעגנ א דײַטש. זײַנע פיס זײַנענ אראָפּגעהאנגענ פונעמ בעטל אפ דער ערד. ער איז געווענ טויטשיקער אונ איז געשמאק געשלאָפנ.

כײַע-עסטער האָט א ווײַלע געקוקט אפנ דײַטש אונ זי האָט זיכ מיטאמאָל דערפילט יונג אונ געזונט, ווי אינ יענע יאָרנ, ווענ אלע באָכערימ פונעמ ייִשעוו זײַנענ געווענ אינ איר פארליבט, ווי דאנ, ווענ זי האָט אנ אוריאדניק אראָפּגעיאָגט אזא פּאטש אינ באק, אז ער איז שיר ניט אומגעפאלנ פונ די פיס. זי איז שטיל ארויס פונ צימער אונ האָט זיכ אומגעקערט מיט א האַק אינ די הענט. זי האָט

זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אינעם רויטנ שיקערנ פּאָנעמ אונ האָט ארויסגעשעפּטשעט, ווי א טפילע: „אזריעלקע, מיינ קינד, העלפ מיר!" זי האָט פארהויבנ הויך די פעסטע הענט אונ האָט מיט האסט אראָפּגעלאָזנ די האק. דער שווערער קערפּער פונעמ דייטש האָט זיך לאנגזאמ אראָפּגעגליטשט אפ דער ערד. דער געלער קאָפּ האָט אונטערגעשפּרונגענ אונ איז געבליבנ ליגנ אפנ ווייסנ קינדערשנ קישעלע. כייעסטער האָט גענומענ דעמ קאָפּ אינ די הענט אונ איז ארויסגעגאנגענ פארנ טויער. פונווייטנ האָט זיך געהערט א טופּענ פונ פערד, ס'האָט זיך באוויזנ א רויטארמייִשער רייטער-טייל. זי האָט געווארט מיטנ קאָפּ אינ די הענט ביז די רייטער זיינענ צוגעפאָרנ צומ טויער. דאנ איז זי צוגעגאנגענ צומ קאָמאנדיר אונ געזאָגט:

— כאווער קאָמאנדיר, נעמט מיך צו צו זיך, שיקט מיך צו די פארטיזאנער, אָדער וווהינ איר ווילט. איך וועל זיי טריי דינענ. אָט איז אנ אופּגאָב, — האָט זי געוויזנ אפנ געלנ אָפּגעהאקטנ קאָפּ. דערנאָך האָט זי צוגעגעבנ שטילער: — אויסער אייך האָב איך דאָ קיינעמ ניט, קיינעמ ניט. נעמט מיך צו פונדאנענ. לאָזט מיך ניט איבער באמ ברונעמ.

———★☆★———

דאָס צווייטע קינד

א פרוי איז געגאַנגען פון ווילנע. אף די הענט האָט זי געטראָגן א קליין קינד. בא דער זײַט איז איר נאָכגעגאַנגען א ייִנגעלע פון א יאָר פינעף. פון ביידע זײַטן וועג האָט זיך געצויגן א געדיכטער וואַלד. די פרוי איז געגאַנגען שנעל, גלײַך מיטן וועג, ניט אומקוקנדיק זיך אף די צעבראָכענע איבערגעקערטע מאַשינעס און וועגענער, אף די טשעמאָדאַנעס, געפּאַקטע מיט קליידער און שיך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די פיס, און אפילע אף די טויטע מענטשלעכע קערפּערס.

די פרוי האָט פּלוצעם דערהערט הינטער זיך א רויש פון א מאַשין. זי איז מעכאַניש אָפּגעגאַנגען צו דער רעכטער זײַט וועג. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, און א מענער-שטים האָט אויסגעשריִען: „Halt!“ דאַן האָט זי זיך דערשראָקן אומגעקוקט. פון דער מאַשין איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען א דײַטש, א קליינוווקסיקער, א דאַרער, מיט א בלייך פּנעם און אויסגעקרימט מויל. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי, אַרײַנגעקוקט איר גלײַך אין פּנעם אַרײַן און געפרעגט: „איינ יודינ?“ איידער זי האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער מיט זײַן באַגנעט דורכגעשטאָכן אף דורך און דורך דאָס קינד אף אירע הענט, פריילעך א דריי געטאָן דעם באַגנעט מיטן קינד אינדערלופטן און א שלײַדער געטאָן עס ווײַט פון זיך, צום וואַלד. נאָכדעם איז ער פלינק, ווי פריִער, אַרופגעשפּרונגען אף דער מאַשין, וואָס איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן.

די שווערע פוסטקײַט פון די הענט האָט צוגעדריקט די פרוי צו דער ערד. זי איז געשטאַנען און געקוקט ווילד אַרום זיך. אין עטלעכע רגעס אַרום האָט זי אַרויסגעלאָזן א טויבן קרעכץ און א וואָרף געטאָן זיך צום וואַלד. זי האָט אופגעהויבן איר קינד, אַוועקגעלייגט עס אין שויס, לאַנג געקושט די אייגעלעך, דאָס נעזעלע, די הענטעלעך, געשפּיגלט זיך אין דעם און אָנגערופן עס מיט די צערטלעכסטע נעמען. דערנאָך האָט זי אופגעהויבן א שטעקן און גענומען גראָבן מיט דעם די ערד. דער פינפיאָריקער מוליק איז געשטאַנען

לעבנ זײַנ מאמענ א דערשראָקענער אונ א פארווונדערטער, ניט קע־נענדיק באגרײַפנ, וואָס דאָ איז אזוי שנעל פאָרגעקומענ. ער האָט אלײנ געזענ מיט זײַנע אויגנ, וויאזוי די מאמע האָט ארײַנגעלייגט זײַנ ברודערל אינעמ ערדענעמ בעטעלע אונ באשאָטנ פונ אויבנ מיט זאמד. דערנאָכ האָט זיכ די מאמע אוועקגעזעצט אפ דער ערד אונ גענומענ קוקנ גלײַכ פאר זיכ.

אינ וואלד איז געוואָרנ פינצטער. ערגעצ ניט ווײַט האָבנ זיכ געריסנ סנאריאדנ. דער הימל צווישנ די ביימער איז אָפט באלויכטנ געוואָרנ מיט טאנצנדיקע פײַערנ, אונ מוליקס מאמע איז נאָכ אלצ געזעסנ אונ אלצ געקוקט פאר זיכ.

— מאמע, — האָט געוויינט מוליק, — איכ האָב מוירע, איכ וויל עסנ... מאמע, נעמ ארויס אונדזער מוישעלענ!

די מאמע האָט אימ אָבער ניט געהערט, אונ ער איז אזוי וויי־נענדיק אײַנגעשלאָפנ. ווענ ער האָט זיכ אופגעכאפט, האָט ערשט אָנגעהויבנ טאָגנ, אונ די מאמע איז אלצ געזעסנ אפנ זעלבנ אָרט. מוליק האָט זיכ איבערגעדרייט אפ דער צווייטער זײַט אונ געקליבנ זיכ ווידער אײַנשלאָפנ, נאָר מיטאמאָל האָט ער זיכ אופגעזעצט אונ ארויסגעשריִענ, אָנקוקנדיק די מוטער מיט קינדעריש-צעשראָקענע אויגנ:

„מאמע, דו הערסט, אונדזער מוישעלע וויינט, מאמע!”

די פרוי האָט א ציטער געטאָנ מיטנ גאנצנ קערפער אונ, ניט ווילנדיק, אָנגעשפּיצט די אויערנ. ערגעצ ניט ווײַט האָט ווירקלעכ געוויינט א קינד. די פרוי האָט צוזאמענ מיט מוליקנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ דער זײַט, פונוואנענ ס'האָט זיכ געטראָגנ דאָס געוויינ. אונטער א בוימ אפנ הוילנ גראָז איז געזעסנ א מיידעלע פונ א יאָר 2—3 אינ א ווײַס קליידעלע מיט א בלוי סטענגעלע אינ די העל-בלאָנדע האָר. פונ איר לינקער האנט האָבנ געטריפט רויטע טראָפּנס אפ איר ווײַס קליידעלע, אונ אינגאנצנ האָט זי געהאט דאָס אויסזענ פונ אנ אונטערגעשאָסנ פייגעלע, וואָס איז ערשט ארויסגעפאלנ פונ דער נעסט. דאָס מיידעלע האָט געוויינט, פארכלינענדיק זיכ אינ איר ניט קינ־דערשנ וויי טעק אונ צאר, אונ האָט אלצ נאָכאנאנד גערופנ די מאמע.

די פרוי האָט מיט ציטערדיקע פינגער איבערגעבונדנ דעמ מיי־דעלע די האנט אונ באדויקט עס. זי האָט ארויסגענומענ פונ איר וועג־בײַטל א שטיקל ברויט, באשאָטנ עס מיט צוקער אונ צעטיילט אפ דער העלפט ביידע קינדער. דערנאָכ האָט זי געכאפט דאָס מיידעלע אינ איינ האנט, דערלאנגט מוליקנ די צווייטע אונ געלאָזנ זיכ מיט זיי ביידנ לויפנ, לויפנ אָנ אנ אָטעמ אלצ ווײַטער אונ ווײַטער פונעמ טויט.

אזוי איז זי געלאָפנ א הונגעריקע, מיט צעבלוטיקטע פיס, ביז ס'האָט זיכ איינגעגעבנ צו זעצנ זיכ אינ א צוג. דער צוג האָט זי פאַר־פירט אינ א ווײַטער שטאָט, וואָס איז אינגאַנצנ ניט ענלעכ אפ איר היימלאַנד. די שטאָט איז זוניק אונ גרינ אונ איבער אַלע אירע גאַסנ לויפנ אָנ אופהער פריילעכע ריטשקעלעכ, וואָס הייסנ דאָ—אריקנ. אפנ האָריזאָנט שטייענ שטאָלצע בערג מיט שנייִקע קעפ, אונ אינ די סעדער בליִענ עפלביימער.

די פרוי אַרבעט אפ א פאַבריק. נאָכ דער אַרבעט גייט זי אַרײַנ אינ קינדערגאָרטנ. זי ברענגט אירע קינדער אהיימ, אינ איר קליינ צימערל, ווו פונעמ איינציקנ קרומענ טיש, פונ די הילצערנע געלע־גערס, פונ די עטלעכע אָרעמע קליידלעכ אפ די ווענט ווייעט מיט מילכאָמע אונ מיט פאַרלאָרענער היימ. זי דערלאַנגט זיי עסנ אינ שטשערבאַטע ליימענע שיסעלעכ, וואָס זי האָט שוינ געקראָגנ דאָ אפנ אָרט. זי קוקט, ווי זיי עסנ דאָס, וואָס זיכ אַליינ פאַרגינט זי ניט, אונ איר האַרצ וואַקסט פונ גליק.

עס מאַכט זיכ, זי באַקומט א בריוו פונ איר מאַנ, וואָס געפינט זיכ אפנ פראָנט, זאָגט זי וועגנ דעמ באַלד אָנ אירע קינדער: א בריוו פונעמ טאַטנ! מוליק פליעסקעט פריילעכ מיט די הענטלעכ אונ שרײַט אויס הויכ אפ א קאָל: „א בריוו פונ מײַנ טאַטנ! מײַנ טאַטע שלאָגט די דײַטשנ!” דאָס בלאָנד-האָריקע מיידעלע כאַפט אונטער, שפרינגענדיק פאַר פרייד אפ איינ פיסל: „א בריוו פונ מײַנ טאַטנ! א בריוו פונ מײַנ טאַטנ!”

די געווינערנ

אינ קאפע „דויטשלאנד" האָט געשפילט א פארטויבנדיקער בלאָז-אָרקעסטער. די געסט — דײַטשישע סאָלדאטנ אונ אָפיצערנ — האָט אופגענומענ די באלעבאָסטע אליינ, א באיאָרטע דײַטשקע, טאקע א היגע, א קאווקאזער. זי איז געווענ דיק, ראָז אונ ווײַסלײַביק. איר גאנצע באנעמונג האָט אונטערגעשטראָכנ, אז איר עכטער לעבנט-בארופ איז צו האלטנ א פײַנעמ דײַטשישנ קאפע. די ווענט, די פענצטער, די טישנ האָבנ געבלאנקט פונ ריינקײַט, אפנ בופעט איז געווענ אויסגעלייגט אונטער א בלענדנדיק-ווײַסנ טיכל פײַנ געבעקס — קעקסנ אונ טאָרטנ. די דײַטשנ האָבנ זיכ דאָ געפילט, ווי אינ דער היימ, אינעמ געליבטנ „פאטערלאנד".

פונ אלע עקנ שטאָט האָט מענ צונויפגעטריבנ אינ קאפע שיינע יונגע קאזאטשקעס, צוליב עקזאָטיק האָט מענ זיי אלע אָנגעטאָנ אינ שטרענג פארמאכטע קליידער. בלויז די ווײַסע פארטעכלעכ אונ די ווײַסע געהאָפטענע נאקאָלקעס אפ די קעפ האָבנ געזאָלט אונטערשטרײַכנ, אז א רוסישע פרוי איז אינ די אויגנ פונ א דײַטש, אינ בעסטנ פאל, ניט מער, ווי א „שטוב-מעדכענ". עס האָט געקלאפט דער אָרקעסטער, דײַטשנ האָבנ געטרונקענ ווײַנ אונ געטאנצט מיט די יונגע קאזאטשקעס.

ניט ווײַט פונעמ קאפע איז געשטאנענ א היפש הילצערנ הויז. די פענצטער זײַנענ דאָרט געווענ אויסגעלאָשנ, אונ קיינער האָט זיכ ניט געוויזנ פארנ טויער. עס איז געווענ פונקט אזוי שטיל אונ פינצטער, ווי די גאנצע שטאָט פונ אָנהייב אָוונט אָנ. דאָס הויז האָט אויסגעזענ טויט, אָבער אפילע דער קעלער זײַנער איז געווענ באווינט — דאָרט האָט זיכ געפײַניקט אינ פינצטערניש אונ איינזאמקײַט פערל גרינבערג. פערל איז געלעגנ אפ דער רעכטער זײַט, מיט עטוואָס אונטערגעבויגענע קני, אונ איר גרויסער שוואנגערער בויכ האָט זי שווער געצויגנ צו דער ערד.

פערל איז געשלאָפנ אונ ס'האָט זיכ איר געכאָלעמט: א ליידיקע פינצטערע גאס מיט אָנ א שיר טעלעגראפ-סלופעס. גלײַכ אפ איר

רוקט זיכ אָנ עפעס א גרויסע שווארצע מאשינ מיט רויטע פײַערדיקע אויגנ. זי טרעט אָפ אהינטער פונ איינ סלופ צו דעמ צווייטנ, די מאשינ אָבער יאָגט זי אָנ אונ גייט אַלצ גלײַכ אָפ איר. עמעצער לאכט, אונ פערל וויל שרײַענ, נאָר זי קאָנ ניט. „אנטלויפ, טאָכטער, — דערהערט זי פלוצעמ דער מאמעס שטימ פונ דער מאשינ ארויס, — דו זעסט, דאָס זאמד קריכט מיר שוינ אינ מויל ארײַנ. איכ ווער דערשטיקט, טאָכטער! אנטלויפ!" פערל טרעט אָפ ווײַטער פונ סלופ צו סלופ, פונ כלופ צו סלופ, די פיס ברעכנ זיכ איר אונטער, אונ די פײַערדיקע אויגנ פונ דער מאשינ מאכנ זי בלינד.

„רײַסט ארויס בא איר דאָס קינד, — זאָגט רויִק א מענער-שטימ פונ א רופאָר ארויס, — ס'איז א ייִדיש קינד!" פערל דערזעט לעבנ זיכ איר מאמע מיט א ווײַס קלומעקל אָפ די הענט. „וויי-וויי, — קלאָגט די מאמע, — דאָס קינד איז דאָכ ערשט געבוירנ..." אנ אָרקעסטער קלאפט א ווילדנ מארש. א פאָר שטארקע הענט כאפנ אָנ פערלענ אונ גיבנ זי א שלײַדער אונטער די רעדער פונ דער מאשינ.

פערל האָט זיכ אופגעכאפט אונ ווילד ארומגעקוקט זיכ. ארומ איז געווענ פינצטער אונ שטיל. ס'האָבנ זיכ בלויז דערטראָגנ קלאנגענ פונעמ אָרקעסטער אינ קאפע „דויטשלאנד". זי האָט געהערט דאָס אומרויִקע קלאפנ פונ איר הארצ אונ געפילט א שנײַדנדיקנ ווייטעק אינ בויכ אונ אינ די זײַטנ. דער גרויסער שוואנגערער בויכ איז געווענ שווערער, ווי שטענדיק, אונ געשטערט עטעמענ. דער ווייטעק האָט זי אָפ א ווײַלע אָפגעלאָזט אונ באלד באנײַט זיכ מיט א גרעסערער קראפט, ווי עפעס אנ אכזאָריעסדיקע האנט וואָלט צונויפגעדריקט אַלע אירע געדערעמ אונ געוואָלט זי צערײַסנ. זי איז געלעגנ אָפ דער הוילער ערד אונ געקאָרטשעט זיכ אינ קראמפנ. „שוינ? — האָט זי געטראכט מיט שרעק, — אָט דאָס איז עס שוינ?"

עטלעכע פאָר שטארקע הענט האָבנ געקלאפט אינ טויער. פערל האָט זיכ אינ ווילדער איימע א לאָז געטאָנ צו דער ליידיקער פאס, וואָס איז געווענ פארוקט אינעמ סאמע ווײַטנ ווינקל פונעמ קעלער אונ האָט איר אָפט געדינט פאר א באהעלטעניש. זי האָט מיט גרויס מי ארײַנגעשטופט אהינ איר שווער-געוואָרענעמ קערפער. אזעלכע קלעפ האָט זי געהערט אינ יענער נאכט... באמ טויער האָט דאנ שווער געסאפעט א גרויסער פארמאכטער אווטאָבוס. מע האָט אהינ ארײַנגעזעצט איר טאטנ מיט דער מאמענ. זי האָט עס ניט געזענ... מע האָט זי געראטעוועט... מע האָט זי דאנ אויכ ארײַנגעשטופט אינ דער זעלבער פאס.

אפֿן הויף האָט סטאַרצעוו, דער געוועזענער אַלטער בעקאָוועדי־קער אַדוואָקאַט און דער איצטיקער הויז־פּאַרוואַלטער, רויִק אײַן עמעצן אַרײַנגערעדט: „בײַ אונדז אין הויז איז אַלץ אין אָרדענונג. קיינער האָט זיך ניט געפֿעלט און קיינער איז ניט צוגעקומען. בײַ אונדז איז ביכלאַל אַ לאָיאַל הויז". באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט דאָס זאָרגלאָזע געלעכטער פֿון מאַרוסיען, וואָס האָט אײַנגעלאַדן די דײַטשן צו זיך אַפֿן אָוונטברויט.

פּערלען איז געווען שלעכט. עפּעס האָט זיך געריסן פֿון דער ענגשאַפֿט פֿון איר קערפּער, און אַרום איר גופֿע האָבן זיך אויך אַזוי ענג צונויפֿגעשלאָסן די קײַלעכדיקע ווענט פֿון דער פּאַס. די ווייען זײַנען געוואָרן אַלץ אָפֿטער און שטאַרקער. פּערל איז געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז אין די מאָמענט־איבערײַסן צווישן די ווייען פֿלעגט זי אײַנדרימלען, ביז דער ווייטעק פֿלעגט זי ווידער אויפֿוועקן. איר האָט זיך געוואָלט שרײַען, שרײַען מיט ווילדע קוילעס, אויס־שרײַען איר גאַנצע פּײַן, נאָר זי האָט ניט אַרויסגעלאָזן קיין איין קרעכץ. פֿון די צעביסענע ליפּן האָט געשטראָמט בלוט.

אויבן, איבער איר קאָפּ, האָבן אינעם איצט שוין באַלויכטענעם צימער זיך ברייט צעלייגט בײַ דעם טיש צוויי דײַטשן. זיי זײַנען געווען אָנגעפּרעסן און שטאָלץ, ווי אינדיקעס פֿאַר דער שכיטה. זיי האָבן זיך גוטמוטיק, פֿון אויבן אַראָפּ, געוויצלט מיט מאַרוסיען, וואָס האָט זיי פֿאַרבלענדט מיט די שמייכלען פֿון אירע שיינע ווײַסע ציין. פּלוצלינג האָט דורכגעשניטן די לופֿט אַ שאַרף געשריי פֿון אַן ערשט־געבוירן קינד. די דײַטשן האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, נאָר מאַרו־סיע האָט זיך הילכיק צעלאַכט און גענומען קלאַפּן מיטן געפּעט, ווי וועלנדיק אופֿראַמען דעם טיש. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך איר אײַנגעגעבן, פֿריילעך פּלאַפּלענדיק, פּאַטער צו ווערן פֿון די ניט געבעטענע געסט. זי האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן פֿון טיש דאָס אָנ־געצונדענע קליינע נאַפֿט־לעמפּל און אַראָפּגעלאָזן זיך אין קעלער. דאָ האָט זי געטראָפֿן דעם הויז־פּאַרוואַלטער, דעם אַלטן אַדוואָקאַט סטאַר־צעוו. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרלאָרענער, אַרומגערינגלט פֿון דער געדיכטער פֿינצטערניש, און געהאַלטן אַ נאַקעט אייפּעלע אויף די הענט. פּערל איז נאָך אַלץ געלעגן צונויפֿגעדרייט אין דער פּאַס. זי האָט, ווײַזט אויס, פֿאַרלאָרן דעם באַוווסטזײַן.

ווען פּערל איז געקומען צו־זיך, איז זי געלעגן אין אַ ווייכער בעט מיט זויבערן בעטגעוואַנט. פּערל האָט אויפֿגעהויבן די אויגן אויף מאַרוסיען מיט סטאַרצעוון, וואָס זײַנען פֿון איר ניט אָפּגעטראָטן. איר בלייך פּנים האָט זיך עטוואָס פֿאַרווײַלט. עס האָט אויסגעזען

פארשעמט אונ גליקלעכ, ווי בא יעדער גליקלעכער יונגער געווינערנ. א פריידיקע לײַכטקײַט האָט אָנגעפילט אלע אירע גלידער. עס האָט זיכ ווענג גאָרנישט ניט געוואָלט טראכטנ אונ ס׳האָט זיכ געוואָלט זײַנ גוט צו מענטשנ. זי האָט א שמייכל געטאָנ צו מארוסיענ אונ איז אײַנגעשלאָפנ מיט א רויִקנ יונגנ שלאָפ. אינ א פאָר שאָ ארומ האָט מענ איר דערלאנגט דאָס קינד, אונ זי האָט דאָס ערשטע מאָל אינ איר לעבנ דערפילט די זיסקײַט פונ שטײַפע, זשעדנע, ווארעמע ליפעלעפ בא דער ברוסט. ס׳האָט אָנגעהויבנ טאָגנ אונ ס׳איז פארשווונדנ געוואָרנ די איליוזיע פונ גליק. פערלענ מיט איר קינד האָט מענ ווידער ארויפגעלאָזנ אינ קעלער.

זינט יענע נאכט זײַנענ פאָריבער קנאפע זעקס כאדאָשימ. ס׳איז געווענ א מילדער פרילינגס-טאָג. די זונ האָט גלעטנדיק-ווייכ געוואָרעמט. דאָס איז האָט ערשט גענומענ לאָזנ. די גאסנ זײַנענ געווענ פול מיט מענטשנ אונ יאָמטעוודיק אופגעלעבט. קינדער זײַנענ פריילעכ געלאָפנ איבער די ערשטע פרילינגדיקע בלאָטקעלעכ באגעגענענ דאָס סאָוועטישע מיליטער. פערל איז אויכ ארויס מיט איר קינד אינ הויפ. א בלייכע, אנ אָפגעשוואכטע האָט זי זיכ אָנגעשפארט מיט דער פלייצע אָנ דער וואנט פונעמ הויז אונ האָט מיט אנ אָפנ מויל דורשטיק געזופט די פרילינגדיקע לופט. דאָס קינד איז געווענ פארטויבט פונעמ ניט געווינטנ ראש אונ פארבלענדט פונ דער ביז איצט נאָכ ניט געזעענער זונ-שײַנ. עס האָט געזשמורעט די אייגעלעכ אונ פריילעכ געקאָפעט מיט די פיסלעכ. דערנאָכ האָט עס ארויסגעלאָזנ א הילכיקנ אויסגעשריי. עס האָט א ווײַלע אָפגעווארט אונ, ווי פארוווּנדערט פונ דעמ, וואָס קיינער פארשטאָפט אימ איצט ניט דאָס מײַלכל, האָט עס לאנג, מיט פארגעניגנ געשריִענ. פערלס ערשטלינג, דער געבוירענער אינ דער פאס, האָט אָנגעזאָגט דער וועלט, אז ער איז דאָ.

—✶✶✶—

א באגעגעניש

די שטאָט האָבנ באפרײַט פּארטיזאנער. צווישנ די ערשטע, וואָס זײַנענ געקומענ צו לויפנ זיי באגעגענענ, האָט זיכ אויסגעטיילט א מאָדנער פּארשויג — א קליינ מענטשל פונ אומנאשטימטנ עלטער מיט א צעקנייטשט ווײַבערש פּאָנעם. דער דאשעק פונעמ צו גרויסנ היטל איז בא אימ געווענ אראָפּגערוקט אַפ די אויגנ, וואָס דאָס האָט שארפ אונטערגעשטראָכנ די אומנאטירלעכע ברייטקײַט פונעמ מויל מיט די דינע צעצויגענע ליפּנ. ער האָט געהאלטנ מיט ביידע הענט א בוקעט בלומענ, אַפ וועלכנ ס'האָט זיכ געבאָמבלט א גרויכער רויטער שטערנ פונ גלאנציקנ פּאפּיר, אָנגעקלעפּט אַפ קארטאָנ. צומ רויטנ שטערנ איז געווענ צוגעבונדנ א ברייטע סטענגע מיט אנ אויפשריפט: „א מאטאָנע פונ דמיטרי קסענאָפאָנטאָוויטש פּאטאָטשקינ די רעטער פונעמ רוסישנ פּאָלק”. דער פּארשויג האָט געהאלטנ די בלומענ גלײַכ פאר זיכ, ווי אנ איקאָנע, אונ האָט קאָמיש אונטערגעטאנצט אנטקעגנ דעמ קאָמאנדיר מיט א זיסנ שמייכל אַפנ ווײַבערשנ פּאָנעמ. ער איז אָפּט דערטרונקענ געוואָרנ צווישנ דעמ גרויסנ אוילעמ אונ איז באלד ארויסגעשווומענ פונעמ געדראנג מיטנ זעלבנ שמייכל אַפ די ליפּנ. דער קאָמאנדיר, א יונגער בלאָנדער רויטארמייער, האָט אימ אָבער אלצ ווי ניט באמערקט. ענדלעכ, האָט ער בא אימ, ווי ניט ווילנדיק, צוגענומענ די בלומענ אונ געזאָגט: „א דאנק, פּאפּאשע!” ער האָט אינ פּארלעגנהײַט א קוק געטאָנ אַפנ גרויסנ רויטנ שטערנ מיט דער סטענגע, ניט זיכער א דריי געטאָנ אימ אונ האָט אימ, ענדלעכ, פּארקוועטשט אונטער דער פּאכווע פונ דער לינקער האנט.

ראָזע ספּיוואק, וואָס האָט געשפּאנט אינ דער ערשטער ריי נאָכנ קאָמאנדיר, האָט נאָכגעקוקט דעמ פּארשויג אונ בעשאס-מײַסע געטראכט, אז ערגעצ האָט זי אימ שוינ געזענ. דער געדאנק איז אָבער באלד אויסגעלאָשנ געוואָרנ אינ דער כוואליע נײַע געפילנ, וואָס האָבנ זי פּארפלייצט. זי איז געגאנגענ פּאָרויס, אונ די שטאָט איז געלאָפנ אנטקעגנ. ס'האָט זיכ געדוכט, אז די גאסנ צוזאמענ מיט די הײַזער האָבנ זיכ אויכ גערירט פונ אָרט. די שטאָט-לײַט האָבנ זיכ

מיט אימפעט ארײַנגעריסן אין די שטרענגע מיליטערישע רייען פון די פּאַרטיזאַנער און צעשטערט זיי. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. מע־נער האָבן זיך באַגעגנט מיט זייערע פרויען, עלטערן מיט קינדער. מע האָט זיך ארומגענומען, געקושט זיך, געוויינט, דערציילט פונעם איבערגעלעבטן. דער גאַנצער אוילעם איז געווען פון איין גוס.

ראָזען האָבן קיין קרובֿים ניט באַגעגנט. זי איז געשטאַנען אַ באַראַשטע פונעם טומל. דער קאָפּ האָט נאָך פיל שלאָפלאָזע נעכט געשווינדלט, און זי האָט זיך געפילט, ווי אין אַ צוג: אַלץ לויפט אַנטקעגן, דערנעענטערט זיך און דאָך פליט עס דורך פאַרבײַ, פאַר־בײַ... און דער ענדציל איז נאָך ווײַט. די העלע, הילכיקע פרייד פון די גאַסן האָט זי מיטגעצויגן, נאָר טיף אין איר האָט געבלוטיקט אַ ווונד. עס האָט געפּײַניקט אַ שווערע בענקשאַפט. ראָזע האָט זיך געפּײַלט אין שטאָט. זי האָט דאָרט געהאַט איר אייגענעם אינ־יען, צו־ליב וועלכן דער קאָמאַנדיר האָט איר געגעבן פולע פרײַהײַט אויף גאַנצע פינף טעג. זי איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און גע־קוקט אויף יעדערן מיט טרויעריקע פרעגנדיקע אויגן. זי איז געווען בײַ עטלעכע באַקאַנטע. אַלע האָבן געקוקט מיט באַדויערונג אויף איר שיינעם בלייכן פּנים, קוים־קוים פאַרברוינט פון דער דאָרעמדיקער זון, און האָבן איר גאָרנישט געקאָנט זאָגן, ניט געקאָנט אָנווײַזן קיין מינדסטן שפּור. זיי האָבן אַלע געוווּסט בלויז איינס: די ייִדישע באַ־פעלקערונג איז פאַרניכטעט פון גרויס ביז קליין; די דײַטשן האָבן קיינעם ניט געשוינט. ראָזע האָט אינערגעץ ניט געקאָנט זיצן. דער אומרו האָט זי געטריבן ווײַטער. זי האָט געזוכט. זי האָט ניט גע־וואָלט גלייבן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן.

אויפן פערטן טאָג פון איר קומען אין שטאָט איז ראָזע אַרײַן צו אירער אַ באַקאַנטער ווערע סמירנאָווע. דאָרט האָט זי געטראָפן אַן עלטערע רוסישע פרוי. ווערע האָט דערציילט אירע געסט וועגן דעם, וויאַזוי איר איז אויסגעקומען מער פון אַ כוידעש ארומצו־וואַנדערן איבער די סטאַניצעס, ווײַל אין דער היים זײַנען שוין פאַר איר געלעגן פיר פאַרוועסטקעס ארויסצופאָרן אויף ארבעט אין דײַטשלאַנד.

— אָ, וואָס איז דאָ צו ריידן פון די דײַטשן? — האָט אַ זאָג געטאָן די עלטערע פרוי. — אויב אַן אונדזעריקער איז אַ מענטש, איז ער טויזנט מאָל ערגער פון זיי. יענע זײַנען כאָטש פרעמדע, פאַר־דריסט ניט אַזוי. אָט איז בײַ אונדז פאַראַן אַן אופּראַוודאַם. שטענ־דיק, דאַכט זיך, געווען אַ שטיל מענטשל... איז דאָס אַן אויסוואָרף, איז דאָס אַ הנידע, גאָט באַהיט! נישקאָשע, איך וועל זיך נאָך מיט אים אָפּרעכענען!

אינ די גוטע בלויע אויגנ פונ דער אלטער האָט זיכ אָנגעצונדנ א בייז פײַערל. ראָזע אונ ווערע האָבנ צוגערוקט זייערע שטולנ, גרייט צו הערנ, אונ אָט וואָס די אלטע האָט זיי דערציילט:

דאָס איז געווענ מיט פינפ כאדאָשימ צוריק. די גאסנ זײַנענ געווענ פוסט, די לאָדנ פונ די הײַזער פארמאכט, טירנ אונ טויערנ פארריגלט. יעדערער האָט זיכ באהאלטנ, ווו ער האָט געקאָנט. זי, די אלטע נאסטאסיע פעטראָוונע, איז געזעסנ מיט נאָכ עטלעכע שכייינעס אינעמ קעלער פונ זייער הויז, נאָר פלוצלינג האָט זי זיכ דערמאָנט, אז פאָלקאנ איז געבליבנ צוגעבונדנ אפנ הויפ. איז זי ארויס ארײַנצונעמענ זיינ אינ קעלער, כאָטש די איבעריקע פרויענ האָבנ געגוואלדעוועט, זי זאָל ניט גיינ. זי גייט ארויס אונ ווערט פארטויבט. פאָלקאנ האלט פארריסנ די מאָרדע אונ וואָיעט, קענטיק, מיט אלע קויכעס, נאָר זײַנ שטימ הערט מענ ניט. נאסטאסיע פעטראָוונע קוקט זיכ ארומ אונ זעט — אפ דער פוסטער גאס, ווו עס פאלנ שפליטערנ פונ סנאריאדנ, שטייענ צוויי קינדערלעכ, א יינגעלע מיט א מיידעלע, צוגעדריקט איינע צו די אנדערע, האלטנדיק זיכ פעסט בא די הענט. זיי האָבנ זיכ, ווײַזט אויס, אָפגעשטעלט אינמיטנ לויפנ, האָבנדיק דערזענ א לעבעדיקנ מענטש. נאסטאסיע פעטראָוונע האָט שנעל אופגעמאכט דעמ טויער אונ אראָפגעפירט די קינדער אינ קעלער. די קינדער האָבנ דערציילט, אז אינדערפרי איז די מאמע אוועק אפ דער ארבעט. ווענ מע האָט אָנגעהויבנ שיסנ, האָבנ זיי זיכ דערשראָקנ אונ אוועקגעלאָפנ זוכנ די מאמע. אפ דער מאמעס ארבעט האָבנ זיי שוינ אָבער קיינעמ ניט געטראָפנ. אהיימ האָבנ זיי שוינ אויכ ניט באוויזנ אומצוקערנ זיכ.

ערשט שפעטער, ווענ די דײַטשנ האָבנ פארנומענ די שטאָט, האָט זיכ נאסטאסיע פעטראָוונע ארומגעזענ, אז די קינדער זײַנענ יידישע, אונ מע דארפ זיי ווײַטער אויכ אויסבאהאלטנ. האָבנ די קינדער אָפגעלעבט אינעמ הויז צוויי וואָכנ, ביז דער הויז-פארוואלטער האָט דערשמעקט די זאכ אונ האָט זיי ארויסגעגעבנ.

— איכ האָב אליינ געזענ, ווי מע האָט זיי אוועקגעפירט, מײַנע פייגעלעכ, — האָט פארענדיקט די אלטע, ווישנדיק זיכ די אויגנ.

— ווי האָבנ געהייסנ די קינדער? — האָט, ניט קוקנדיק אפ דער אלטער, ראָזע געפרעגט.

ווערע סמירנאָווע האָט זיכ שוינ לאנג נערוועז געדרייט אפ איר אָרט אונ געווונקענ צו דער אלטער. ווערע האָט שוינ אפילע עטלעכע מאָל זי אָנגערירט באמ ארבל, נאָר די אלטע איז געווענ אזוי

פאַרטאָנ אינ איר דערציילונג, אַז זי האָט גאָרניט באַמערקט, וואָס אַרומ טוט זיכ.

— דאָס ייִנגעלע האָט געהייסנ ליאָניע, — האָט זי געענטפערט ראָזענ, — אונ דאָס מיידעלע — טאַמאַרע. אײַ, וואָס ווייסט איר, וואָס פאַרא טײַערע...

נאָר דאָ האָט די אַלטע אַ ציטער געטאָנ אונ אַנשוויגנ געוואָרנ. איר בליק האָט זיכ באַגעגנט מיט אַ פּאָר גרויסע קײַלעכדיקע אויגנ, אינ וועלכע ס'איז פאַרגליווערט געוואָרנ אַ גרויל.

דערנאָכ איז שוינ ראָזע געזעסנ דעמ קאָפּ פאַרוואָרפנ אַפנ ווענטל פונ שטול, אונ אירע הענט, אַזעלכע געלע, טויטע, פּלוצלינג מאָגער געוואָרענע הענט זײַנענ הילפלאָז געלעגנ אַפ די קני, ווי פאַרגעסענע. איבערנ פּאָנעמ האָבנ זיכ שטיל אונ לאַנגזאַמ געקײַקלט גרויסע טרערנ.

ווערע האָט זיכ אַראָפּגעלאָזנ אַפ די קני, געגלעט ראָזעס געלע הענט אונ געקושט איר נאַס פּאָנעמ. נאַסטאַסיע פּעטראָוונע האָט זיכ אַרומגעדרייט איבערנ צימער, געטאַפּט דעמ טישטעכ אַפנ טיש, אָפּגעטרייסלט זיכ דאָס קלייד, געמאַכט אָנ אַ שיר אײַליקע, ניט נייטיקע באַוועגונגענ, ביז זי האָט זיכ פאַרשלאָגנ אינ אַ ווינקל אַפ דער איינציקער קושעטקע אינעמ צימער אונ האָט זיכ הויכ צעוויינט.

דאַנ האָט ראָזע געזאָגט:

— מע דאַרפ ניט, נאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ, מע דאַרפ ניט, טײַערע! קומט, פירט מיכ אַוועק צו אײַער הויז-פאַרוואַלטער. איכ וויל מיט אימ ריידנ אויג אַפ אויג.

די פרויענ זײַנענ לאַנג געגאַנגענ איבער די שטאָטישע גאַסנ. ווערע האָט געהאַלטנ ראָזענ פעסט אונטערנ אָרעמ. בא דער זײַט האָט געאײַלט מיט שמאָלע באָבישע טריטעלעכ נאַסטאַסיע פּעטראָוונע, נאָר ראָזע האָט איצט קיינעמ ניט געזעענ לעבנ זיכ, זי איז געווענ באַנאַנד מיט איר צאַר. אינ האַרצנ האָט ניט אויפגעהערט צו נאָגנ: „ניטאָ! ניטאָ! אונ מע קאָנ גאָרנישט העלפנ! פאַרפאַלנ! קיינמאָל וועט זי שוינ ניט פאַרפלעכטנ טאַמאַרעלעס זײַדענע האָר אינ פליייִלעכע צעפּלעכ מיט רויטע סטענגעס אונ ניט פילנ אַרומ האַלדז אירע ווייכע וואַרעמע הענטלעכ; קיינמאָל וועט שוינ ליאָניק ניט אַרײַנלויפנ אינ צימער מיט שײַנענדיקע אייגעלעכ אונ ווײַזנ איר אַ טאַנק, וואָס ער האָט דאָ ערשט אַליינ אויסגעמײַסטרעוועט. ניטאָ, ניטאָ!..“

די פרויענ זײַנענ ענדלעכ צוגעגאַנגענ צו אַ הויכנ גרינעמ געשניצטנ טויער, אונ ראָזע האָט זיכ די ערשטע אָפּגעשטעלט אַנ איבעראשטע. אַ פּלוצלינגדיקע דערמאָנונג האָט דורכגעבליצט אינ מויעכ.

זי האָט דערקענט דעם טויער און זי האָט זיך דערמאָנט, באַ וואָס פארא אומשטענדן זי האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם פארשויב, וואָס האָט צוגעטראָגן איר קאָמאנדיר בלומען.

דאָס איז אויך געווען פונקט מיט פינף כאדאָשים צוריק. ראָזע האָט דאן אויך א גאנצן טאָג געזוכט אירע קינדער און האָט סאָף־קאָלסאָף איינע אליין פארלאָזן די שטאָט. פאר אירע אויגן האָט דורכגעשוועבט די פלייצע פון א לעצטן אָפגעשטאנענעם רויטאר־מייער. אינעם ווייטן פאָרשטאָט זיינען שוין אריין די דייטשן. די שטאָט איז שוין געווען אָן א מאכט. אָפּ דער גאס האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאמלען מאָדנע פארדעכטיקע פארשוינען. באַ דעם זעלבן גרינעם געשניצטן טויער, ווו זי האָט זיך איצט געפונען, איז געשטאנען א קליין מענטשל מיט א ווייבערש פּאָנעם, א געקנייטשטס, ווי א געבאקטער עפל, און האָט פארקויפט גראָבע, מעשונעדיק אָנגעפארבטע מוידן דיקע ביכלעך אין א ברוינעם איינבונד. זי האָט דאן זייער מוירע געהאט פארן דאָזיקן געזעמל און דאָך איז זי צוגעגאנגען נעענטער א קוק טאָן, מיט וואָס פארא ביכלעך האנדלט עס אָט דער פארשויב אין אזא טאָג. דאָס זיינען געווען רוסיש־דייטשישע ווערטערביכער.

באַם דערמאָנען זיך דעם דאָזיקן טאָג איז ראָזע ווידער אָפּגעשוואכט געוואָרן. זי האָט זיך אראָפּגעלאָזן אָפן בענקל באַם פרעמדן טויער. א שנײַדנדיקער ראכמאָנעס אָפּ אירע קינדער האָט צונויפגעדריקט איר הארץ. עס האָט איר פארפעלט אָטעם, און פון די אויגן האָבן א שטראָם געטאָן טרערן א סאך גרעדיכטער און הייסער, ווי פריער. זי האָט צוגעטראָגן דעם שפּיץ פון איר ציצענעם קאָפּ־טיכל צו די אויגן און ביז ווייטעק צונויפגעצויגן מיט דעם די הויט פונעם פּאָנעם, וואָס איז אָפּ א מאָמענט געוואָרן טיף געקנייטשט, ווי באַ גאָר אַן אלטן מענטשן. דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן און שטיל געזאָגט:

— קומט!

ווערע האָט זיך א ווײַטל געטאָן אָפּ ראָזעס רעוואָלווער און געוואָרנט:

— ראָזע, נאָר אָן נארישקייטן!

— שרעק זיך ניט, איך בין נאָך באַם זינען! — האָט מיט א קרומען שמייכל געענטפערט ראָזע.

די דרײַ פרויען האָבן זיך אופגעהויבן אָפן צווייטן שטאָק און, ניט אָנקלאפּנדיק, זיינען זיי ארײַנגעגאנגען אין א שמאָל ענג צימער. די טיר האָבן זיי הינטער זיך ניט פארמאכט. באַם טיש איז געזעסן

א מענטש און געשריבן. ער איז שנעל אופגעשפרונגען פונעם אָרט, פארשטעלנדיק מיט דער פלייצע דאָס באשריבענע פאפיר. ראָזע האָט ווידער דערזען פאר זיך דעם פארקויפער פון די ווערטערביכער, נאָר איצט איז זי שוין ניט געווען פארוואונדערט. זי האָט אפ דעם קי־מאט ווי געוואָרט. זי האָט לאנגזאם ארויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון דער קאָבורע און איז צוגעגאנגען האַרט צו אים. דער פארשוין האָט פאנאנדערגעעפנט זיין ברייט מויל, ווי אפ צו ארויסלאָזן אַ גע־שריי, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער בלויז אראָפגעשלונגען די שפייעכץ און, פינטלענדיק מיט די אויגן, קוים ארויסגעשטאמלט:

— בירגערן, וואָס ווילט איר פון מיר? ווער זייט איר?

— זאָג, וווהין האָט מען אוועקגעפירט מיינע קינדער? וואָס האָט מען מיט זיי געטאָן? — האָט ראָזע געפרעגט מיט א שטרענגער שטים, אין וועלכער ס׳האָט נאָך געקלונגען א פיצעלע האָפענונג.

דער פארשוין האָט געשוויגן. ער איז געוואָרן נאָך קלענער און איינגעשרומפענער, ווי פריער. ער איז אינגאנצן איינגעזונקען געוואָרן אין זיין אָנטאָן. בא דער אָפענער טיר האָבן זיך שוין פארזאמלט מענטשן.

— קומ! — האָט ראָזע שטיל און דייטלעך באפוילן.

זי האָט זיך דערמאָנט אינעם פאפיר אפן טיש און האָט אין דעם ארייַנגעקוקט. דאָרט איז געווען געשריבן:

„אזוי ווי איך בין שטענדיק געווען איבערגעגעבן דער ראטנ־מאכט, קאָן איך ניט פארשווייגן, וואָס איך ווייס וועגן די מיעסע פארעטער. דער בירגער פילימאָנאָוו האָט פאר די דייטשן“...

— אָט א וואָרעם! — האָט ראָזע הויך געזאָגט.

אין א פאָר מינוט ארום איז דער פארשוין ארויס פונעם גע־שניצטן גרינעם טויער. קיין פאָנעם האָט ער שוין אינגאנצן ניט פארמאָגט. זיין גוף האָט אויסגעזען אזוי, ווי מע וואָלט אים ערשט אָנגענומען פארן קאָלנער און עטלעכע מאָל אָפגעטוקט אין א פאס קאַלט וואסער. די פארטיזאַנערן ראָזע ספּיוואַק איז געגאנגען הינ־טער אים שטרענג אויסגעגלייכט, מיטן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האנט. אלע שכנים פונעם הויף זיינען שווייגנדיק מיטגעגאנ־גען מיט דער באַטריבטער מוטער אלס איידעס.

—★★★—

די מומע ראיע

געקומענ איז זי אהער, ווענ אפ דער איצט גרינער ערד איז נאָכ געלעגנ א דיקער שניי און ארומ איז געווענ פוסט און שטיל. ס'האָבנ אָנגעהויבנ אָנצוקומענ פונ שטאָט די ערשטע בריגאדעס. די בריגאדע פונ ניי-פאבריק, מיט וועלכער זי איז געקומענ, האָט זיכ איינ א פאָר וואָכנ ארומ אומגעקערט אינ שטאָט. זי אָבער האָט זיכ שוינ פונדאנענ ניט געקאָנט אָפרייסנ און איז פרייוויליק געבליבנ ארבעטנ ביזנ סאָפ פונ דער בויונג. כאר אירע אויגנ איז דאָס איינזאמע, פארלאָזטע אָרט, ווו ס'גיכנ זיכ צונויפ די צוויי ראשיקע, איינ־קאלטע שטראָמענ פונעמ אלמא-אטער טייכ, זייער שנעל באלעבט געוואָרנ.

בא דעמ ברעג פונעמ טייכ האָבנ זיכ באוויזנ קיאָסקנ אפ ועדלע; אינ די קיאָסקנ ארבעט די פארוואלטונג פונ דער בויונג. בא יעדנ קיאָסק ברענט אינ די אָוונטנ א גרויסער עלעקטרישער לאָמפ פונ טויזנט ליכט און באלייכט דעמ גאנצנ ארומ. לענגויס דעמ וועג, וואָס פירט פונעמ טייכ דורכ א הייל צו די בערג אלא-טאו, זיינענ צעוואָרפנ פארשיידענע געביידעס: ווייסע, שטייפ-אָנגעצויגענע ביידלעכ פונ מיליטערישנ שניט, קליינינקע פאניערענע הייזלעכ, ווי צוזאמענגעשטעלטע פונ קינדערשע קוביקעס, און גאָר א גרויס אויסגעפוצטביידל מיט אנ אופשריכט: „אגיט-פונקט". פונדאנענ דערטראָגנ זיכ קלאנגענ פונ ראדיאָ, דאָ פארקויפט מענ צייטונגענ, עמעצער שפילט אפנ ראָיאל, און א קינסטלער זיצט אָפט בא דער שוועל האלב-נאקעט, אינ א גרויכנ שטרויענעמ הוט און מאָלט.

פונ צייט צו צייט איז דאָ אלצ ארומ אופגעטרייסלט געוואָרנ פונ באטויבנדיקע אופרייסנ, און זי האָט געזענ, ווי עס ווערנ אופגעהויבנ פונעמ אָרט גאנצע מאסיוונ שטיינער און בערג. זי האָט צוזאמענ מיט נאָכ פיל מענטשנ, געקומענע פונ דער שטאָט, געשלעפט שווערע טאטשקעס מיט שטיינער און געגראָבנ די ערד אונטער דער גליענדיקער זונ פונ מיטל-אזיע. זי האָט שווער געארבעט און ארויסגעקוקט אפ דעמ מאָמענט, ווענ פונדאנענ וועט א שטראָמ טאָנ ליכט, וואָס וועט באוועגנ מאָטאָרנ אפ מיליטערישע זאוואָדנ. ווי א פאָשעטע פרוי, א גוטע באלעבאָסטע, האָט זי אויכ געטראכט וועגנ איינפאכע קיילעכדיקע עלעקטרישע לעמפלעכ, וואָס מאכנ אזוי לייכט דעמ לעבנ.

זי ווייסט ניט, וויאזוי איז עס געשען, וואָס זי איז געוואָרן אַף דער בויונג פון דער הידראָעלעקטראָסטאַנציע א גייסטיקער מענטש פאַר יעדערן און דאַפקע ניט באַם גראָבן ערד. זי ווייסט אויך ניט, ווער האָט דער ערשטער זי אָנגערופן „מומע ראיע". אַלע רופן זי שוין אַלע אזוי. קיינער ווייסט דאָ ניט איר פאַמיליע. האָט זיך באַ עמעצן אָפּגעריסן א קנעפּל, כאַפּט ער זיך אַרײַן צו דער מומע ראיע נאָך א נאָדל-פאָדעם. האָט זיך עמעצער צעשעדיקט א פינגער, איז דער מעדפּונקט פאַר אים צו ווײַט. ער קומט בעסער צו איר: „מומע ראיע, פאַראַן באַ אײַך א ביסל יאָד ניט א שטיקל מאַרליע?" אַפילע א צײַטונג איבערלייענען כאַפּט מען זיך אויך אָפּט אַרײַן צו איר. די ווירטשאַפטלעכע פליכטן פון דער מומע ראיען האָבן זיך אַלץ געמערט, ביז אַלע האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אָן איר באַלעבאַטישן אויג און מוטערלעכער געמיטלעכקײַט איז שווער צו לעבן אַף דער וועלט. האָט מען זי באַפרײַט קעגן איר ווילן פון דער אַרבעט אַף דער בויונג, וואָס איז ניט פאַר איר עלטער און ניט פאַר אירע קוי-כעס, און באַשטימט זי פאַר א באַלעבאָסטע פון א בײַדל, ווו ס'האָט זיך באַזעצט אַפן גאַנצן בוי־סעזאָן א גרויסע בריגאַדע.

פינף אזייגער פאַרטאָג, ווען דער באַנאַכטיקער אומבײַט גייט אָפּ-רוען, און דער באַטאָגיקער — אײַלט זיך אַף דער אַרבעט, זעט מען שטענדיק די מומע ראיע אַבן שטעל פון איר בײַדל. אַרום איז א גרויסע אופלעבונג. לעבן אַגיט-פונקט ווערט געשאַפן א קליינער אימ-פּראָוויזירטער מאַרק. פויערים פון די נאָענטע קאָלווירטן ברענגען אַהער מילך אין הויכע בלאַנקנדיקע בידאָנעס, גרויסע קוישן מיט אוגערקעס, רעטעכלעך, מאַלינעס. אין אָט דער צײַט שײַערט די מו-מע ראיע טעפּ. דער הימל איבער איר איז הויך און בלוי, די לופט איז דורכזיכטיק-ריין און די ערשט אופגייענדיקע זון שפּיגלט זיך אינעם בלאַנקנדיקן קופּער, צינק און עמאַל. לעבן דער מומע ראיען שטייט שוין א גאַנצע ריי אויסגעשײַערטע טעפּ פון פאַרשיידענער גרייס, נאָר זי אַרבעט ווײַטער, טײַנענדיק גוטמוטיק-בייזלעך צו זיך אַליין: „אַז אַלץ אין דער וועלט האָב איך ליב צו טאָן: וואַשן דילן, שיילן קאַרטאָפל, נייען, צירעווען זאָקן, גראָבן ערד — דאַרף איך גאָר שײַערן טעפּ, אַז איך האָב שטענדיק פײַנט געהאַט שײַערן טעפּ. נו, אָבער וואָס טוט מען? ווי קאָן מען ברענגען מיטיק אין ניט קיין שיינע טעפּ פאַר א בריגאַדע, וואָס איז די בעסטע אַף דער בויונג?"

אין אַלע בײַדלעך ליגן אַף דער ערד מאַטראַצן אָדער טעפּיכער צום שלאָפן. אין דער מומע ראיעס בײַדל שטייען פײַן געבעטע בעטן, דער טיש איז באַדעקט מיט א טישטעך פון שניי-ווײַסער מאַרליע,

אונ אפנ טיש שטייענ אינ א קריגל פרישע פעלד-בלומענ. דער ערדענער דיל איז שטענדיק באגאָסנ מיט וואסער, וואָס ווערט מאָמענטאַל אויסגעדאמפט אינ דער אָנגעגליטער לופט, אינ די ווענט זײַנענ אָנגעשטעקט אָנ א שיר נאָדלענ מיט פארשיידנפארביקע פעדעמ. עטוואָס העכער פונ יעדנ בײַדל, אפנ שיפּוי פונעמ בארג שטייט אײַנגעגראָבנ אינ דער ערד א קליינ אייוועלע, וואָס מע זעט עס קױמ ארויס. בא דער מומע ראיע ווערט אינעמ אייוועלע קיינמאָל ניט אויסגעלאָשנ דאָס פײַער. ערשטנס, זײַנענ שוועבעלעכ אינ מילכאָמעצײַט א דעפיציטע סכוירע, צווייטנס, דארפ מענ אינ אזא היצ שטענדיק האָבנ געזאָדנ וואסער, זאָל טרינקענ יעדערער, ווער עס גייט פארבײַ. ווײַטער, דארפ מענ עפּעס אָפּקאָכנ, אָדער אָנווארעמענ דעמ מיטיק, וואָס זי ברענגט פונ גאָרקיכ. זי וויל ניט, איר בריגאדע זאָל פאטערנ צײַט אפ מיטיק, ברענגט זי אימ אהיימ אינ בײַדל ארײַנ.

נאָכ מיטיק מעלדעט דאָסראָוו די מומע ראיע איר בריגאדע, אז זי האָט צוגעגרייט א סורפּריז. אלע וויסנ פּאָרויס, אינ וואָס דער סורפּריז באשטייט. מע קוקט זיכ שמייכלענדיק איבער, נאָר מע מאכט זיכ ניט וויסנדיק. זי גייט ארויס פונ בײַדל אונ קערט זיכ באלד אומ א גליקלעכע מיט אנ עמער אינ האנט. זי גיסט אָנ יעדערנ א גלאָז קאלטנ, פעטנ, געדיכטנ אייראנ. דעמ אייראנ ברענגט איר א קאזאכקע, וואָס פאָרט צו, אפ אנ אייוועלע גלײַכ צו איר פאלאטקע.

די בעסטע בריגאדע אפ דער בויונג האָט זייער טומלדיקע שכײנימ — יינגלעכ פונ אנ ארטעל. די יינגלעכ האָבנ ליב אינ די אָפּרושאָענ צו שפּילנ אפ א באלאלײַקע, זינגענ אלע צוזאמענ הויכ אפ א קאָל לידער, אָדער גאָר ארומיאָגנ זיכ אָנ אָטעמ איינע נאָכ די אנדערע. אלע שרײַענ אפ זיי, אלע דראָענ צו אָנקלאָגנ זיי אינ דער פארוואלטונג. בלויז די מומע ראיע שרײַט אפ זיי ניט, דראָעט זיי מיט גאָרנישט. זי גייט שטיל ארײַנ אינ זייער בײַדל אונ זאָגט: „ס׳איז אזא היצ, אונ איר זיצט גאָר דאָ. דער טאָג גייט דאָכ באלד אוועק. לויפט, באָדט זיכ אויס!” אָדער: „ווייסט איר וואָס, כעוורע, לויפט נאָר צו אינ די בערג אונ קלײַבט צונויפ א ביסל אוריוק, וועל איכ אײַכ אָפּקאָכנ א פײַנעמ קאָמפּאָט”. אָדער: „איכ האָב נאָכ הײַנט קיינ צײַט ניט געהאט אפילע א קוק צו טאָנ א צײַטונג. וואָס, איר האָט נאָכ אויכ ניט געלייענט? טאָ כאפּט זיכ טאקע אראָפּ אינ אגיט-פּונקט אונ ברענגט צײַטונגענ, וועלנ מיר צוזאמענ לייענענ. אגעוו, זיצט דאָרטנ א ביסל, עפּשער וועט מענ אינ ראדיאָ איבערגעבנ גוטע נײַעס, וועט איר מיר אויכ דערציילנ”. אונ כעוורע פאָלגט — מע לויפט זיכ באָדנ, מע גייט נאָכ אוריוק, מע לייענט צײַטונגענ.

אינאָוונט זיצט די מומע ראיע ווידער באַם בײַדל און וואַרט אַף איר בריגאַדע. אָט אַ זײַט זידט פֿריילעך אַ סאַמאָוואַר.

— נו, קינדער, ווי האָט איר הײַנט געאַרבעט? — פֿרעגט זי זיי יעדעס מאָל מיט אומרו אין דער שטים.

— גוט, מומע ראיע, זייער גוט. איבערגעשטיגן די נאָרמע. ווען ניט, וואָלטן מיר זיך דאָך ניט געקאָנט ווײַזן אײַך פֿאַר די אויגן. — באַקומט זי יעדעס מאָל אַ פֿריילעכן ענטפֿער.

די מומע ראיע האָט זייער ליב די אָוונטיקע שאָען. זי זיצט זיך אַזוי באַם בײַדל מיט אַן אַרבעט אין די הענט — זי נייט, זי שטריקט, זי צירעוועט און פֿאַרבערענגט מיט מענטשן. און מענטשן זײַנען דאָ פֿאַראַן זייער אינטערעסאַנטע, פֿון פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס. איר קאָנט דאָ טרעפֿן אַן אַדוואָקאַט, אַ שוסטער, אַ קעכן, אַ קינאָ-אַקטריסע, אַ סטודענט. יעדערער פֿון זיי אַרבעט אָפּ צוויי-דריי וואָכן און פֿאַרשווינדט. ווילט זיך דער מומע ראיען מיט יעדערן באַקענען, וואָס פֿאַר אַ מענטש דאָס איז.

אין די אָוונטן רעדט די מומע ראיע דאָסראָוו וועגן קיִעוו. זי דערמאָנט מיט ליבע יעדע גאַס, יעדעס הויז. וועגן זיך דערציילט זי בלויז, אַז בײַ איר איז געווען אַ גוטע, פֿריילעכע פֿאַמיליע, און איצט זײַנען אַלע אַפּן פֿראָנט. קיינער ווייסט אָבער ניט פּינקטלעך, פֿון וועמען עס איז באַשטאַנען איר פֿאַמיליע, וואָס האָט זי איבערגעלעבט אין דער צײַט פֿון דער עוואַקואַציע און וועמען האָט זי אַפּן פֿראָנט. בריוו ברענגט איר די פֿעלד-פּאָסט פֿון פֿיר פֿאַרשיידענע ערטער.

— אָט דאָ, אַף דער בויונג, — זאָגט די מומע ראיע, — האָב איך ווידער געפֿונען אַ היים, אַ פֿאַמיליע.

נאָך דער מילכאָמע וויל די מומע ראיע אומקערן זיך קיין אוקראַינע, אָבער ניט דאַפֿקע קיין קיִעוו. זי וויל אַרבעטן אַף אַ בויונג, אָדער אין אַ קאָלווירט. איר טרוים איז צו פֿאַרוואַלטן מיט אַ גרויסער מילך-פֿערמע, אַלע זאָלן דאָרטן אַרבעטן פֿריילעך און טרײַ און מילך זאָל זײַן אַזויפֿיל, אַז עס זאָל סטאַיען פֿאַר גאַנצע אוקראַינע.

די מומע ראיע הייבט זיך אויף פֿונעם אָרט און גייט אַרײַן אין בײַדל, קעדיי צוגרייטן, וואָס מע דאַרף אַף איבערפֿרי. איר בריגאַדע דאַרף ניט האָבן קיין שום זאָרגן. זי פֿאָרעט זיך באַ אַן אַרבעט אין בײַדל און שמייכלט צו זיך אַליין באַם געדאַנק, אַז מאָרגן וועט זי ווידער באַגעגענען איר בריגאַדע מיט דער פֿראַגע:

— נו, קינדער, ווי האָט איר הײַנט געאַרבעט?

און זיי וועלן איר ווידער פֿריילעך ענטפֿערן:

— זייער גוט. אַפּן בעסטן אויפֿן, מומע ראיע!

טאמארע עלקינ

— מיר האָבנ ליב געהאט ביז מעשוגאעס די טעגלעכע שײַנ. גאנצע נעכט האָבנ מיר מיט א פארכאפּטנ אָטעם געווארט אפ איר. „עס הייבט שוינ אָנ. צו טאָגנ", — מיט אָט די ווערטער האָבנ מיר גע־טרייסט אונ געמונטערט איינע די אנדערע.

— די נעכט האָבנ געדריקט מיט זייער אומנאטירלעכער פינצ־טערניש. וואָס מער טרייפּע־פּײַערנ ס'פּלעגנ באלײַכטנ דעמ ארומ, אלצ שווערער האָט זיכ געלייגט די כאשכעס. וואָס מער באטויבנ־דיק ס'האָבנ זיכ אופגעריסנ די פּאלנדיקע באָמבעס, אלצ געדיכטער האָט זיכ געפילט די נאכט־שטילקײַט.

— וואָס האָבנ מיר געטאָנ אינ די נעכט? — מיר האָבנ געארבעט. מיר פלעגנ אָנלאָדנ אונדזערע גרויסע אויוונס אינ צעכ מיט די נײַ־טיקע דעטאלנ אונ ארויסגיינ אפּ דער גאס באטראכטנ די טרייפּעס. דער טוינע האָט אפּ אונדז געהאָגלט מיט באָמבעס, אונ מיר האָבנ אינ דער זעלבער צײַט געקאָכט אינ אונדזערע אויוונס פאר אימ דעמ טויט. מיר האָבנ געקוקט אפּ די טרייפּעס אונ קלאָר פאָרגעשטעלט זיכ, וויאזוי אונדזערע טאנקענ שטיקנ אינ פארניכטנ אינ דער זעל־בער צײַט דעמ טוינע.

דער אינזשעניער טאמארע עלקינ, וועלכע רעדט אזוי וועגנ לעבנ אונ טויט, פארמאָגט א יונג רונד פּאָנעמ מיט פולבלעכע, נאָכ קינ־דערשע ליפּנ. איר הויכע שטאלטנע פיגור אפילע מאכט אנ אײַנדרוק פונ אנ אָקאָרשט אויסגעוואקסענער, אָט פונקט ווי א קינד וואָלט זיכ מיטאמאָל א צי אויס געטאָנ, אומדערווארט פאר זיכ אונ פאר די ארומיקע. בלויז אירע ברייט פאנאנדערגעעפנטע שווארצע אויגנ דריקנ אויס דעמ טיפנ ערנסט פונ א מענטשנ, וואָס האָט שוינ א סאכ דורכגעלעבט אונ בײַגעקומענ. טאמארע עלקינ איז אלט 24 יאָר, אונ זי דערציילט וועגנ דער העראָישער ארבעט פונעמ סטאלינגראדער טראקטאָר־זאוואָד אינ די טעג פונ די גרעסטע געפארנ מיט יוגנט־לעכער אקשאָנעס, מיט א קימ באהאלטענעמ טריומפ אינ דער שטימ:

— ס'האָט געברענט א שכיינעסדיקער צעך, און מיר האָבן גע-
ארבעט. ס'האָבן געברענט ארום אונדז אעראָפּלאַנען, און מיר האָבן גע-
ארבעט. א באָמבע איז אַרײַנגעפאלן אין דעם צעך, ווו ס'האָט זיך
געפונען מײַן מאַן. איך בין אהין ניט געגאַנגען... כ'האָב גאָרנישט
געוווּסט... כ'האָב געארבעט און באַדינט די פאַרוווּנדעטע. אַף דער
טאָג-שײַן האָבן מיר שוין אַלע מער ניט געוואַרט. טאָג און נאַכט
האָבן זיך שוין מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט. אַלץ האָט זיך
אויסגעמישט. די טעג זײַנען געווען פינצטער פון רויך, די נעכט
ליכטיק פון סרייפעס. אהיים זײַנען מיר ניט געגאַנגען. דאָס פּער-
זענלעכע לעבן איז אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן געוואָרן.

אין איינעם אַן אָוונט איז צו טאַמאַרען אין צעך געקומען איר
מאַן — דער אינזשעניער יורי ראָטנבערג, וועלכן זי האָט ניט געזען
א טאָג צען. זיי זײַנען אוועק אהיים. זי האָט אַפילו ניט באַמערקט,
אַז ער הינקט. זיי זײַנען ביידע געווען אַזוי גליקלעך פון דעם, וואָס
זיי זײַנען צוזאַמען, וואָס זיי לעבן, וואָס ביידע לעבן אָפּצולאָכעס
די מערדער, וועלכע ווילן זיי פאַרניכטן. ערשט א ביסל שפּעטער,
אין דער היים שוין, האָט יורי אויסגעצויגן זײַן פאַרוווּנדעטן פוס:

— ס'איז א קליינינקײַט! שרעק זיך ניט, טאַמאַרע!

ניין, טאַמאַרע עלקין האָט זיך שוין פאַר גאָרנישט ניט גע-
שראָקן. ניט איין וווּנד האָט זי שוין געהאַט איבערגעבונדן מיט אי-
רע פלינקע פינגער, ניט איין בלוטנדיקן קערפּער פון א פרײַנט האָט
זי אַרויסגעשלעפּט פון אונטער אײַנגעפאַלענע רוינעס. ניין, טאַמאַרע
האָט זיך ניט געשראָקן. זי איז געשטאַנען לעבן איר מאַן א בלייכע,
א שטרענגע, א גרייטע צו באַגעגענען דעם נײַעם טאָג מיט די נײַע
געפאַרן.

— שלאָפן איז אויסגעקומען זייער ווייניק אין יענע טעג, און
דאָך האָב איך זיך דאַן קיינמאָל ניט געפילט באַזונדערס מיד. נאָך
דער אַרבעט אין צעך, בא די מוירעדיקע אויוונס, ווו די טעמפּע-
ראַטור פלעגט דערגיין ביז 1000^0, איז געווען אַפילו אָנגענעם צו
אַרויסגיין אַף דער גאַס, אַף דער פרישער לופט גראָבן שוצגראָבנס,
קויען באַפעסטיקונגען. ס'האָט געוואַרעמט און אויפגעמונטערט די
שכיינעשאַפט פון כאַווייִרים, מיט וועלכע מע איז געגאַנגען האַנט-
בא-האַנט באַשיצן די שטאָט. ביז גאָר טײַער איז געווען די שטאָט
גופא, וואָס האָט זיך געשטיקט אין רויך און אין בלוט, די שטאָט,
וואָס איז מיט איין האַלב יאָר צוריק געווען א ווײַטע, א נאָך קיינ-
מאָל ניט קיין געזעענע.

אינ סטאלינגראד איז טאמארע געקומענ אויכ פונ אונטער באָמבעס, פונ סרייפעס, מיט א טיפנ ווייטעק אינ הארצנ איבער דער פייַנ פונ איר פאַרשוועכטער און כאָרעוועט היימ, פונ דער שיינער אוקראַינישער שטאָט כארקאָוו. טאמארע איז צוגעקומענ אינ סטאלינגראד א קראַנקע אפ לונגענ-אָנצינדונג און אפ א שווערער עקזעמע. ליגנדיק קראַנק און דורכטראַכטנדיק דאָס איבערגעטראָגענע פאַר די לעצטע כאדאָשימ, האָט זי זיכ געגעבנ דאָס וואָרט ארבעטנ ביזנ לעצטנ אָטעמ, ניט שאָנעוודיק איר יונג לעבנ.

טאמארע איז געזונט געוואָרנ. פונקט צו דער צייַט האָט זיכ אינעמ סטאלינגראדער טראקטאָר-זאוואָד געפאָדערט א טעכניקער אפ דער טערמאָ-באארבעטונג פונ מעטאל. טאמארע איז באלד אָנגעקומענ אפ דער דאָזיקער ארבעט, כאָטש לויט דער ספעציאליטעט איז זי אנ אינזשעניער א כימיקער. ס'האָט זי ניט געקימערט, וואָס זי ווערט פאַרוואנדלט פונ אנ אינזשעניער א כימיקער אינ א טעכניקער, ס'האָט זי ניט געקימערט די ארבעט אינ שרעקלעכער היצ, ווו אירע אָפגעשוואכטע לונגענ וועלנ עטעמענ מיט געדיכטע אויסדאמפונגענ פונ אָנגעגליטנ און אָפקילנדיקנ מעטאל. דאָ האָט מענ זי איצט געדארפט, און אהער איז זי דרייסט אוועק. זי האָט באלד גענומענ ארבעטנ אינעמ צעכ און אינ מעשעכ פונ 4 כאדאָשימ האָט זיכ איר אייַנגעגעבנ אזוי צו באהערשנ איר נייַעמ, רייַנ מענערשנ פאכ, אז זי איז באשטימט געוואָרנ פאר אינזשעניער — טערמיסט. און אזוי האָט זי שוינ געארבעט, קאָלזמאנ מע האָט נאָר געקאָנט ארבעטנ.

— דעמ 23-טנ אווגוסט, — דערציילט טאמארע עלקינ, — איז אינ אונדזער זאוואָד געווענ א נאָרמאלער ארבעטס-טאָג. דער זאוואָד אונדזערער האָט די גאנצע צייַט ארויסגעלאָזנ מער פראָדוקציע, ווי פאר דער מילכאָמע. באנאכט האָט דער נאטשאלניק באפוילנ אלעמענ ארייַנקלייַבנ זיכ אינגאנצנ אינ זאוואָד, מיט די זאכנ. אינ איינער פונ די פאָרשטעט האָט זיכ באוויזנ א דייַטשישער דעסאנט, דער פראָנט איז שוינ געווענ אינ שטאָט גופע. ארטילעריִשע סנאריאדנ זייַנענ קימאַט ווי דערפלויגנ צומ זאוואָד. פינפ טעג האָבנ די ארבעטער און אינזשעניערנ געלעבט אינ צעכ. באנאכט איז מענ געשלאָפנ אינ די גריבער.

בלויז איינ פרוי איז געווענ אינעמ טערמישנ צעכ — טאמארע עלקינ. מיט איר איז אויכ געווענ איר כאווערטע, אנ אינזשעניער פונ א צווייטנ צעכ — ראָכל וועשניאקאָוו. די צוויי פרויענ זייַנענ אינ די דאָזיקע שווערע טעג געווענ אומדערמידלעכ, זיי האָבנ געזוכט מיטלענ אפ צו לינדערנ די שווערע לאגע פונ די, וועלכע האָבנ

שטענדיק בא די מאשינעס געקעמפט אפ לעבנ אונ טויט מיטנ סוינע, וועמעס אָנוועזנהייט אינ דער פראָנט-שטאָט איז געווענ אומבאדינגט נייטיק. אינ דער צעכ-קיכ האָבנ די פרויענ געפונענ קרויט, מעל אונ פוטער. פונ הונגער איז מענ שוינ געווענ באוואָרנט. טאמארע אונ ראָכל האָבנ געקאָכט נערהאפטע מייכאָלימ פארנ גאנצנ קאָלעקטיוו. דעמ 28-טנ אינדערפרי איז אָנגעקומענ א באפעל, די מענער נאָר זאָלנ בלייבנ אינ זאוואָד. שווער איז געווענ די מוטיקע פרויענ צו שיידנ זיכ מיטנ זאוואָד אונ מיט דער האלב-כאָרעוועט שטאָט, ווו זיי האָבנ אזויפיל איבערגעלעבט אונ ווו אלצ איז זיי געווענ אזוי טייער. מע האָט אָבער געמוזט זיכ אונטערוואַרפנ דעמ באפעל. דער דירעקטאָר פונעמ זאוואָד האָט קאָמאנדירט דעמ אינזשעניער טאמארע עלקינ אפ ארבעטנ אינ אנ אנדער שטאָט.

יורי רוטנבערג האָט ארויסגעפירט זיינ פרוי אפנ וועג צו דער וואָלגע, איבער וועלכער ס'איז געשטאנענ א פייערדיקע וואנט. דאָ, בא דער וואָלגע, וואָס איז געווענ באדעקט מיט טויטע קערפערס, ווו גאנצע פליטנ, געדיכט באזעצטע מיט מענטשנ, זיינענ געגאנגענ צומ גרונט, האָבנ זיי זיכ געזעגנט. רוטנבערג האָט זיכ אומגעקערט אינ שטאָט, צומ זאוואָד. דעמ זעלבנ טאָג נאָכ האָט זיכ טאמארענ איינגעגעבנ אריבערצוקלייבנ זיכ אפנ צווייטנ ברעג פונ דער וואָלגע.

טאמארענ קומט איצט ניט אויס צו שלאָפנ איינגעהויקערט אינ קיינ גריבער, זי וואַרט ניט מיט קיינ ציטער אינ די גלידער אפ טאָג-ליכט. טאמארע וווינט אינ א קאנט, וואָס איז באגאָסנ מיט ליכט אינ מיט זונ. זי געדענקט אָבער זייער גוט די בלוטיקע טעג פונעמ לעגענדאריש-העראָישנ סטאלינגראד, וועלכער האָט זיכ ניט אונטער-געגעבנ דעמ סוינע, זי געדענקט זייער גוט אויכ איר ליבנ ווייטנ כארקאָוו.

טאמארע עלקינ ארבעט ווידער אנ ערנסטע, א רויקע אינ א צעכ, ווו יעדע דעטאל צילט אינעמ סוינע. זי ווייסט, אז יעדער פארטי-קער מאָטאָר פונ א טאנק דערנעענטערט זי צו איר היימ.

★☆★

פּראָפעסאָר כאַנע פרומין

דירע נומ. 10

עס עפנט מיר די טיר ניט קיין הויכע פרוי אין א פאַשעטער בלויער קלייד מיט ווײַסע פינטעלעך.

— דאָ וווינט דער פּראָפעסאָר פרומין?

— יאָ. איך בין פרומין. — ענטפערט מיר די פרוי.

אין א פּאָר מינוט ארום זיץ איך שוין באַם טיש און פיר א לעבהאַפטן געשמועס מיטן פּראָפעסאָר כאַנע פרומין, ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטער. כאַנע פרומין דערציילט מיר גערן וועגן איר עלטערן זון, וואָס האָט זיך שוין איינמאָל ארויסגעריסן פון א דײַטשישער ארומרינגלונג און איצט איז פון אים ווידער קיין בריוו ניטאָ.

— ווו איז ער עס איצט? — גיט זי א זיפץ.

איך קוק אף דער מידער פרוי מיט די טרויעריקע מוטערלעכע אויגן און איך דערמאָן זיך, אַז ארום איר וועבן זיך לעגענדעס, אַז זי איבעראַשט מענטשן מיט איר אומדערמידלעכקײַט בא דויערהאפטע קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס, בא דעם קאַמף מיטן טויט. דערווײַל זע איך אין כאַנע פרומין די פּײַן פון א פרוי, וואָס איז געווען געצווונגען צו 55 יאָר פאַרלאָזן איר געליבטע שטאָט, אין וועלכער עס בורשעווען איצט ווילדע רויבער, און די פּײַן פון א מוטער, וואָס איז געצווונגען פון די דאָזיקע רויבער צו שיידן זיך מיט אירע קינדער, מיט איר אייגן בלוט און פלייש.

כאַנע פרומין שפּרינגט פלוצלינג מונטער אויף פונעם אָרט, און אין אירע מיטאמאָל יונג געוואָרענע אויגן באַווײַזט זיך א פריילעך פײַערל:

— איר ווילט, כ'וועל אײַך ווײַזן די פאָטאָגראַפיעס פון מײַנע זין?

פון דרײַ פאָטאָס קוקן אף מיר ווילע יידישע פּנעמער מיט קלוגע דורכדרינגלעכע אויגן.

— אָט דער איז בא מיר, — זאָגט פרומין מיט שטאָלץ, — א גוואַרדיע-קאַפּיטאַן, דער מיטלסטער איז א וואָיענטעכניק פונעם ערשטן ראַנג, דער יינגסטער זון איז שוין אויך אין דער ארמיי...

אף מאָרגן אינדערפרי אײַל איך אין שפּיטאָל, ווו עס ארבעט פּראָפעסאָר פרומין. איך טראַכט וועגן דעם, וויאַזוי זעט עס אויס די

דאָזיקע געמיטלעכע פרוי אינ די שטרענגע שפּיטאָל-באַדינגונגע צווישנ מענטשנ, צעקאַליעטשעטע פונ דער מילכאָמע.

נאָר אָט שמייכלט שוינ צו מיר פונ דערווײַטנס כאַנע פרומינ. אָנגעטאָנ אינ א ווײַסנ כאַלאַט, מיט א ווײַסנ דאָקטערשנ מיצ אפנ קאָפּ, זעט דאָ פּראָפעסאָר פרומינ אויס שטרענגער, געצאַמטער. עס בלײַבט אָבער דאָכ איר פרויִשע מילדקײַט. דאָס דאָזע יונגע פּאָנעמ, וואָס קאָנקורירט מיט די גרויע האָר, די לעבעדיקע אויגנ — אלצ אינ איר שטראַלט אויס ליכטיקײַט.

פונ דער נעכטיקער מידקײַט איז שוינ ניט געבליבנ קיינ שפּור. מיט יונגע לײַכטע טריט באַוועגט זיכ פרומינ איבערנ שפּיטאָל אונ געפינט פאַר יעדנ קראַנקנ א באַזונדערע, בלויז צו אימ אליינ געווענדטע, באַגריסונג. דער פּראָפעסאָר ווייסט ניט בלויז די קראַנקײַטנ פונ די פאַרווונדעטע, נאָר אויכ זייער לעבנ ביז דער מילכאָמע אונ אפנ פראָנט.

אָט דערציילט כאַנע פרומינ די געשיכטע פונעמ לייטענאַנט סײַ-קינ. סײַקינ איז פאַרווונדעט געוואָרנ אינ דער רעכטער האַנט. ליגנ-דיק א פאַרווונדעטער אפנ פעלד, האָט ער מיטאַמאָל באַמערקט, אז צו אימ דערנעענטערנ זיכ צוויי דײַטשנ. סײַקינ האָט זיכ באַלד פאַרשטעלט פאַר א טויטנ. די דײַטשנ האָבנ געהאַט א גאַנצ „גומ-שולדיקנ" פאַרלאַנג — זיי האָבנ געוואָלט אראָפּציִענ פונ סײַקינענ זײַנע שטיוול. די מאַראָדיאָרנ האָבנ זיכ באַלד גענומענ צו דער אַרבעט, אָבער סײַקינ האָט זיכ אײַנגעשפּאַרט אינ די שטיוול מיט די פינגער פונ די פיס, אונ די רויבער האָבנ זיכ ניט געקאָנט קיינ אייצע געבנ. זיי האָבנ, קענטיק, באַשלאָסנ, אז די פיס זײַנענ שוינ פאַרגליווערט געוואָרנ, אונ די שטיוול זײַנענ צו זיי צוגעפרוירנ. די דײַטשנ איז דערעסנ געוואָרנ צו קאָמפּנ מיטנ טויטנ קערפּער. זיי זײַנענ אוועקגעגאַנגענ. דאַנ האָט סײַקינ אוועקגעפּויזעט. די לינקע האַנט האָט ער די גאַנצע צײַט געריבנ אָנ דעמ וואַרעמענ לײַבל, דערפאַר איז זי בײַ אימ ווייניק אָפּגעפרוירנ געוואָרנ. די רעכטע פאַרווונדעטע האַנט האָט ער ניט געקאָנט באַוועגנ אונ דערפאַר האָט זיכ באַקומענ אנ אָפּפרירונג פונ דער דריטער שטופּע. אזוי האָט געפּויזעט דער לייטענאַנט סײַקינ 20 שאָ נאָכאַנאַנד מיט אנ אָפּגעפרוירענער שוואַרצער האַנט, ביז אונדזערע האָבנ אימ געפונענ אונ געגעבנ הילפ. אינ די הענט פונעמ פּראָפעסאָר פרומינ איז סײַקינ אַרײַנגעפאַלנ אינ א האָפענונגסלאָזנ צושטאַנד. עס האָט זיכ שוינ געהאַנדלט ניט וועגנ ראַטעווענ די האַנט, נאָר וועגנ ראַטעווענ דאָס לעבנ.

— די דלאָניע איז אויסגעקומען צו אמפּוטירן, — זאָגט מיט באַדויערונג דער פּראָפעסאָר. — אָבער סײַקינג לעבט און אַרבעט, — גיט זי צו מיט באַפרידיקונג.

צום פּראָפעסאָר פרומינס פאַלן אַרײַן די סאַמע שווערע קראַנקע, דאָסראָוו מענטשן מיט קאָמפּליצירטע איבערברוכן פון די בעקן-בײנער און מיט געפערלעכע פאַרוווּנדעטע הענט און פיס. פרומינ קאָן שטאָלצירן ניט מיט איין רויטאַרמייער, וואָס זי האָט אַרויסגעריסן באַם טויט.

צו אמפּוטאַציעס קומט אָן דער פּראָפעסאָר כאַנע פרומינ זייער זעלטן, בלויז דעמאָלט, ווען ס'איז שוין אײַנגאַנצן אוממעגלעך צו געפינען אַן אַנדער אויסוועג. ווען צו איר ווענדן זיך קראַנקע, וואָס זײַנען פאַרצווייפלט פון דעם, וואָס זיי וועלן מוזן פאַרלירן אַ האַנט, צי אַ פוס, זאָגט זי צו זיי:

— נו, אמפּוטירן וועלן מיר נאָך באַוויזן. מע דאַרף פריִער פּרוּוון אויסהיילן.

איך בלײַב אַליין אין דער פּאַלאַטע מיט די פאַרוווּנדעטע. פרומינ האָט קיין צײַט ניט. עס וואַרט אויף איר דאָס אָפּעראַציע-צימער. וועגן פרומינס אַרבעט דערציילט מיר אַלעקסאַנדר פּעדאָטיטש זשירנאָוו, אַ מענטש מיט אַ קלוג אינטעליגענטיש פּנים. ער איז פאַרוווּנדעט אין דער לינקער זײַט. זײַן שאַרפן פּנים דערבײַקן בעטל ווענדט זיך צו אים זייער ערנסט:

— דערצייל, סאַשע, וועגן פּראָפעסאָר פרומינס אַרבעט אין אונדזער אַלעמענס נאָמען, לאָז גאָרנישט דורך.

אַלעקסאַנדר פּעדאָטיטש דערציילט:

— אַלע דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אַז מע מוז מיר אָפּשנײַדן דעם לינקן פוס. מיר אַליין האָט זיך שוין אויך אַזוי געדוכט. נו, וואָס זאָל מען דאָ טאָן? די מעדיצין קאָן ניט לעבעדיק מאַכן אַ שטיק מענטשלעכן לײַב, פון וועלכן עס איז שוין געוואָרן עפּעס אַ מין קאַשע. אַנאַ יעפרעמאָוונאַ גיט זיך אָבער ניט אונטער. זי האָט באַשלאָסן צו מאַכן פון מיר צוריק אַ לײַט. און אָט ריר איך שוין קימאַט פרײַ מיט פוס און האָף נאָך זיך אומקערן צוריק אויפן פראָנט. איך בין בײַ אַנאַ יעפרעמאָוונאַ ניט דער איינציקער. זי האָט אומגעקערט דער רויטער אַרמיי הונדערטער קעמפער.

— אַנאַ יעפרעמאָוונאַ, — דערציילט ווײַטער אַלעקסאַנדר פּעדאָטיטש, — שאַנעוועט ניט איר געזונט. דאָ ניט לאַנג האָט מען זי אַרויסגערופן קיין קויבישעוו אויף אַן ערנסטער אָפּעראַציע. אומגעקערט זיך

קיין אלמא-אטא, איז אנא יעפרעמאָווגא באלד פונעם צוג געקומען אין שפּיטאָל און האָט אָפּגעארבעט ביז שפּעט באנאכט.

— ווען איך בין געווען געפערלעך, — זאָגט א צווייטער פאר-ווונדעטער, — איז דער פּראָפעסאָר פון מיר ניט אָפּגעטראָטן א גאנצע נאכט. זי האָט אפילו מיך איבערגעבונדן מיט די אייגענע הענט. קיין שוועסטער האָט זי צו מיר ניט צוגעלאָזט.

אינעם פענצטער, וואָס גייט ארויס אפ דער וועראנדע, באווייזט זיך א יונגער בלאָנדער קאָפּ. די לעבעדיקע פארבן אינעם פּאָנעם פונעם דאָזיקן רויטארמייער זאָגן איידעס וועגן דעם, אז ער איז שוין קימאט אינגאנצן געזונט. ער הערט זיך צו א פּאָר מינוט צו דעם שמועס און פירט מיטאמאָל אונטער א סאכאקל מיט עכט יוגנטלע-כער אנטשלאָסנקייט:

— וואָס איז דאָ פאראן א סאך צו ריידן? ווער עס פאלט ארייַן צו אנא יעפרעמאָוונא, דער וועט בלייַבן מיט הענט און מיט פיס.

איך גיי ארויס אין קאָרידאָר. מיט מיר פארפירט א שמועס יע-גאָר איוואנאָוויטש יעווגלעווסקי, א קאָלווירטלער פון אונטער ריא-זאן. אים ווילט זיך אויך זאָגן א גוט וואָרט וועגן אנא יעפרעמאָוונא. יעגאָר איוואנאָוויטש דערציילט זייער געגוי וועגן דעם אומגליקלעכן גורל פון זייַן רעכטער האנט נאָך דער פארוווגדונג:

— געהאנגען איז בא מיר די האנט אפ א פעדעמל. וואָס פארא נוצן האָב איך שוין געקאָנט פון איר האָבן? כאָטש שנייַד זי אָפּ און וואַרף ארויס, כאָטש שלעפּ זי מיט זיך. און איצט...

יעגאָר איוואנאָוויטש הייבט אָן צו באוועגן מיט דער רעכטער האנט און קוקט אפ איר לאנג, לאנג, ווי ער וואָלט אליין ניט גע-גלייבט אין זייַן גליק. עד ציט צוריק אין פארלעגנהייַט זייַן האנט, פארשעמענדיק זיך פאר כאנע פרומינ, וועלכע קומט אָן מיט אייַליקע טריט. זי גייט אריינ אין א פאלאטע, וווּ עס ליגן שווערע קראנקע. זי בלייַבט א רעגע שטיין פארטראכט.

די קליינע יידישע פרוי מיטן ראָזן פּאָנעם און ווייַסן קאָפּ שטייט ארומגערינגלט פון שפּיטאָל-בעטן, אפ וועלכע עס ליגן וווקסיקע ברייטפלייציקע מענער, מיט צעקאליעטשעטע הענט, געוווינטע צו ארבעט, און מיט צעבראָכענע פיס, געוווינטע צו גיין נאָכן אקער אין פעלד, אפ א פרייַנטלעכער באגעגעניש אין א יאָמטעוו-טאָג, אָדער אין א פאראנטוואָרטלעכער שליכעס אפן פראָנט. די הילפלאָזע וווקסיקע מענער קוקן אפ דער קליינער פרוי מיט קינדערש-פארליב-טע, גלייביקע אויגן. זיי דוכט זיך, אז עס זיינען גאָר ניטאָ אזעלכע

מענטשלעכע ליידנ אפ דער ערד, וועלכע די דאָזיקע פרוי זאָל ניט קאָנענ לינדערנ.

דער פראָפעסאָר איז געוויינט צו אזעלכע פארליבטע בליקנ, אָבער גאָר פונ אנדערע פאציענטנ. ערשט דאָ ניט לאנג האָט פרומינס ווײַ־סער כאלאט געשוועבט צווישנ קליינע קינדער, וועלכע זי פלעגט ברענגענ היילונג אונ פרייד. דאָס איז געווענ אינ קיעוו, ווו זי האָט יאָרנלאנג פארוואלטעט מיטנ אינסטיטוט פונ אָרטאָפעדיע אונ טראווּ־מאטאָלאָגיע פאר קינדער. זי איז געווענ איינע פונ זײַנע אָרגאניזא־טאָרנ אינ די שווערע יאָרנ פונ בירגערקריג, אונ פונ יונ 1919 ביז יול 1941 אָפגעארבעט אינ אים מיט דער גאנצער געטרײַשאפט, וועל־כע איז פאר איר אזוי כאראקטעריסטיש. געקומענ קיינ אלמא-אטא, האָט כאנע פרומינ א געוויסע צײַט פארוואלטעט מיט אנ אָפטיילונג אינ טוב.-אינסטיטוט. נאָר עס האָט זי געצויגנ צו פארווונדעטע אונ זי האָט זיכ אליינ געווענדט אינ וואָיענקאָמאט, מע זאָל זי אריבער־פירנ אפ ארבעט אינ א מיליטערישנ שפיטאָל. איר גרויס וויסנ אונ איר גרויסע מעדיצינישע דערפארונג האָבנ דאָ ווירקלעכ געבראכט זייער גרויסע נוצנ. דער פראָפעסאָר כאנע פרומינ איז א טײַערער פרײַנט פונ הונדערטער פארווונדעטע רויטארמייער. זי העלפט זיי ניט בלויז מיט איר ווונדערלעכער קונסט, נאָר אויכ מיט א טרייסט-וואָרט אונ מיט מוטערלעכער צארטלעכקײַט אינ אלע זייערע שווערע מינוטנ.

צו באהעפטנ וויסנ, מײַסטערשאפט אונ טיפע מענטש־לעכקײַט לערנט כאנע פרומינ אירע סטודענטנ פונעם קאזאכסטאנער מעד.-אינסטיטוט, ווו זי פירט דעם קורס פונ אָרטאָפעדיע אונ טראוו־מאטאָלאָגיע, אויכ די יונגע דאָקטוירימ, וועלכע ארבעטנ אונטער איר אָנפירונג. ניט אומזיסט שרײַבט צו איר פונ פראָנט דער יונגער בא־גאבטער דאָקטער ל.:

„טײַערע אנא יעפרעמאָוונא!

איכ דערמאָנ זיכ אײַכ מיט גרויס דאנקבארקײַט צו עטלעכע מאָל אינ טאָג. ערשט איצט האָב איכ רעכט פארשטאנענ, וויפל כ׳האָב פונ אײַכ געלערנט. כ׳וועל זיכ באמיִענ דערפאָלגרײַכ אויסנוצנ אפנ פראָנט דאָס, וואָס איכ האָב פונ אײַכ באקומענ".

אָט אזוי ארבעט אינ די טעג פונ דער גרויסער פאָטערלענדי־שער מילכאָמע דער פראָפעסאָר — כירורג כאנע פרומינ, אונ די דאנק־בארקײַט פונ פאָלק באגלייט אירע טריט.

לויב צו דער פרוי אינעם ווײַסנ כאלאט.

★✦★

א שוועסטער

די לעצטע צענ יאָר האָט די שוועסטער זאטושנע געארבעט אינעם פיזיאָטעראפּעווטישנ קאבינעט פונעם לערמאָנטאָוו-קוראָרט אינ אָדעס. הונדערטער קראנקע האָבנ זיכ געביטנ אפנ קוראָרט, אונ די שוועסטער האָט זיי אלעמענ טריי אונ ציכטיק באדינט אונ באגלייט אונ באגעגנט נייע. ניט איינ פריינט האָט זי באקומענ צווישנ די קראנקע, וועלכע האָבנ דערמאָנט איר נאָמענ מיט דאנקבארקייט. זאטושנע אליינ אָבער האָט זיכ קיינמאָל ניט פארטראכט וועגנ דעם, אז זי צייכנט זיכ אויס אינ איר ארבעט, אז זי פארדינט דאנקבארקייט.

שוינ 25 יאָר, פונקט א העלפט פונ איר לעבנ, ארבעט סאָפיע זאטושנע אלס מעדיצינישע שוועסטער. 25 יאָר איילט זי מיט שנעלע טריט איבער לאנגע שפּיטאָל-קאָרידאָרנ, וועלכע פירנ אינ די קאבינעט, וווּ זי פילט זיכ, ווי א געניטע ווירטנ. אירע פלינקע הענט שליסנ איינ אונ שליסנ אויס מיט זיכערקייט פארשיידענע עלעקטרישע מאשינעס, וועלכע ברענגענ פארלייכטערונג ליידנדיקע קראנקע מענטשנ. סאָפיע זאטושנעס הענט זיינענ ווי שרויפנ פונ א מעכאניזמ. זיי זיינענ אָבער אויכ ווייכ אונ ווארעמ, ווי עס קאָנענ נאָר זיינ ווייכ אונ ווארעמ הענט פונ א ליבנדיקער מוטער.

ס'האָט אויסגעבראָכנ די מילכאָמע. דעמ 13-טנ יול האָבנ די פאשיסטישע באנדיטנ אָנגעהויבנ באָמבירנ אָדעס. פאר די פאציענטנ פונעם לערמאָנטאָוו-קוראָרט האָבנ פונ דעמ מאָמענט אָנ זייערע שווערע קראנקייטנ שוינ פאָרגעשטעלט די קלענסטע געפאר. דער טויט האָט אפ זיי געלויערט אינדרויסנ. דערצו האָבנ נאָכ פיל פונ זיי באלד, אינ די ערשטע טעג פונ דער מילכאָמע, פארלאָרנ זייערע פאמיליעס. זיי האָבנ שוינ ניט געהאט וווהינ אונ צו וועמענ זיכ אומצוקערנ.

אינ די דאָזיקע גרויזאמע טעג האָט די שוועסטער זאטושנע זיכ אריבערגעקליבנ ענדגילטיק אינ שפּיטאָל. אהיימ פלעגט זי זיכ ווייזנ איינמאָל אינ דריי — פיר טעג אפ א פּאָר שאָ. די ארבעט אפנ קוראָרט איז געגאנגענ קימאט איינגאנצנ רעגולער. די שוועסטער זאטו-

טשנע פלעגט טרײַ דורכמאכן מיט די קראנקע אלע נײטיקע פראָצעדורן, אָבער אירע פליכטן זײַנען מיט יעדן טאָג אלץ פארברײטערט געוואָרן. אָט האָט א גאזלאָנישע באָמבע צעשמעטערט א געדיכט באוווינט הויז ניט ווײַט פונעם קוראָרט. דאָ האָט שוין די שוועסטער זאטוטשנע געארבעט ניט לויט איר ספעציאליטעט. זי האָט פארהאלטן דאָס בלוט, וואָס האָט געטריפט פון פרישע ווונדן, זי האָט איבערגעבונדן צעקאליעטשעטע מענטשלעכע גלידער. אפן קוראָרט גופע איז שוין אויך אויסגעקומען גאָר אָפט אן אנדער אויפן צו באגיין זיך מיט נערוון- און הארציק-קראנקע מענטשן, וועלכע האָבן פלוצלינג, אומגעריכט פארלאָרן זייער היים, זייער ווײַב און קינד.

צי האָט עמעצער פון די קראנקע געוווסט, אז דער שוועסטערס הארץ ווערט אויך צעריסן פון פערזענלעכן צאר? צי האָט עמעצער געזען אין יענע טעג א טרער אין אירע אויגן? די שוועסטער זאטוטשנע האָט פון פרי ביז שפעט אין דער נאכט רויִק באדינט די קראנקע און בלויז אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט זי זיך דערלויבט צו טראכטן וועגן אירע צוויי טעכטער, פון וועלכע זי האָט דאן ניט געהאט קיין שום ידיעס.

דעם 30-טן יולי האָט זיך דער קוראָרט עוואקויִרט. די לײַכטע קראנקע זײַנען אליין אוועקגעפאָרן. די שווערע קראנקע איז אויסגעקומען ארויסצופירן פון שטאָט. דעם עשעלאָן האָבן באגלייט איין דאָקטער, איין סאניטארקע און די שוועסטער זאטוטשנע. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו האָט אין משך פון 8 טעג מעסירעטנעפעשדיק באדינט אין די שווערסטע באדינגונגען פון עוואקואציע 63 דערוואקסענע ליגנדיקע קראנקע און 43 קראנקע קינדער.

יעדן טאָג זײַנען אף יעדער גרעסערער סטאנציע שנעל ארָאפגעשפרונגען פון א טעפלושקע-וואגאָן דרײַ פרויען אין ווײַסע כאלאטן און האָבן דאָ דערבײַ צעלייגט א שײַטער אף צו קאָכן שפײַז פאר זייערע קראנקע; יעדן טאָג אף יעדער סטאנציע זײַנען דרײַ פרויען אין ווײַסע כאלאטן געלאָפן צווישן די לאבירינטן פון לאנגע צוגן מיט לאסט-וואגאָנעס און איבערגעלאָדענע עשעלאָנען מיט פולע עמערס וואסער אין די הענט אף ארומצוּוואשן זייערע קראנקע. דער מיטיק איז קימאט שטענדיק געווען גרייט צו דער צײַט, און די קראנקע זײַנען געווען ריין ארומגעוואשן. דערבײַ האָבן זיי באקומען אויך די עלעמענטאר-נײטיקע מעדיצינישע הילף.

אינעם וואגאָן איז רויִק. די קראנקע שלאָפן. נאָך מיטיק, דער צוג שטעלט זיך אָפ. אין דרויסן הערן זיך אופגערעגטע שטימען. עמעצער לויפט דורך פארבײַ מיט שנעלע פארזאָרגטע טריט. פונעם

אנטקעגן-שטייענדיקן עשעלאָן דערטראָגט זיך א שארפער געשריי, די שוועסטער זאטוטשנע פרעגט ניט קיין קאשעס און ווארפט זיך באלד אהין. דאָרט נייטיקט מען זיך אין איר הילף. א פרוי האָט פריצײַטיק געבוירן.

דער וואגאָן מיט די קראנקע פארמאָגט אן אינערלעך לעבן. ער קאָן זיך אָבער ניט אָפּצאמען פונעם דרויסן. דער מילכאָמע-שוידער קלאפט אין די טירן און דערמאָנט וועגן זיך קעסיידער. אין א שכײַנעסדיקן וואגאָן פּײַניקט זיך א פרוי פון א היסטעריע-אָנפאל. זי פארכלינעט זיך פון ביטערן געוויין און פון אומזיניקן געלעכטער. די פרוי האָט פארלאָרן איר קינד. די פרוי האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געליטן אף היסטעריע, און זי הערט זיך אליין צו א דערשראָקענע, מיט פאנאנדערגעעפנטע ווילדע אויגן צו די קלאנגען פון צעקנאקטן גלאָז, וואָס רײַסן זיך פון איר גאָרגל. און זי וויינט, און זי לאכט... די שוועסטער זאטוטשנע האָט אויך פארלאָרן יעדן שפּור פון אירע קינדער, אָבער... די קראנקע נייטיקט זיך אין הילף, און די שוועסטער העלפט, העלפט דעם גאנצן וועג, ווו און ווען זי קאָן.

דער עשעלאָן מיט די קראנקע איז דערפאָרן צום אָנגעמערקטן פונקט. די שוועסטער זאטוטשנע צעזעגנט זיך מיט זיי און פאָרט אוועק קיין אלמא-אטא.

קיין אלמא-אטא הייבן דאן ערשט אָן אָנצוקומען די ערשטע עשעלאָנען מיט פארוואונדעטע. די שוועסטער זאטוטשנע קומט אָן אף ארבעט אין א מיליטערישן שפּיטאָל. זי נעמט זיך באלד פאר דער אָרגאניזאציע פון פיזיאָטעראפּעווטישן קאבינעט, אין וועלכן די פארוואונדעטע האָבן זיך שטארק גענייטיקט. יעדע קלייניקייט אינעם דאָזיקן קאבינעט, יעדע דעטאל פון זײַן אויסשטאטונג איז דורכגעגאנגען דורך דער שוועסטערס הענט. א דאָקטער, א פיזיאָטעראפּעווט איז שווער געווען די ערשטע צײַט צו קריגן, און די שוועסטער זאטוטשנע האָט גענומען אף זיך די אכרײַעס אָנצופירן אליין צײַטווײַליק מיטן קאבינעט. נעמענדיק אין אכט איר גרויסע דערפארונג און איבערגעגעבנקייט, האָט מען עס איר דערלויבט. אין משך פון פיר כאדאָשים האָט די שוועסטער געארבעט איינע אליין אינעם קאבינעט און האָט אים די גאנצע צײַט מיט גרויס ליבע אלץ מער בארײַכערט. פיל נוצן האָט די שוועסטער געבראכט די פארוואונדעטע, און די קאָמאנדשאפט פון שפּיטאָל האָט איר ארויסגעטראָגן א באזונדער דאנק.

דאָ, אינעם שפּיטאָל, האָט די שוועסטער זאטוטשנע זיך ווידער געפונען א היים. ווידער שליסן אײַן און שליסן אויס אירע פלינקע,

רויִקע הענט דעמ עלעקטרישנ שטראָמ, וואָס ברענגט היילונג הונ-
דערטער מענטשנ, צעקאַליעטשעטע פונ דער מילכאָמע. די שוועסטער
זאַטושענע קענ מענ אויכ אינ אַנדערע שפּיטאָלנ. ביכלאַל פילט זי
זיכ אינ אַלמאַ-אַטאַ, ווי אַנ אַלטער טוישעוו. זי איז אויסגעווײלט
אונ אַרבעט אַקטיוו אינעמ אַלשטאָטישנ ראַט פונ די מעדיצינישע
שוועסטער.

די שוועסטער זאַטושענע איז איבעראַשט פונ דעמ, וואָס איר
אַרבעט אונ אויפירונג רופנ אַרויס אַנציקונג. זי האַלט זיכ קלאַל ניט
פאַר קיינ העלדנ.

— אָפנ פראָנט בינ איכ ניט געווענ... — כאַזערט זי פאַר מיר
שטיל איבער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

אונ עפשער איז טאַקע זאַטושענע ניט קיינ העלדנ, ווײַל אָט,
זיצנדיק מיט מיר אינ אַ ליידיקנ צימער, — אויסער אונדז ביידנ איז
קיינער ניטאָ, — באַגיסט זי זיכ מיט טרערנ, ווי גאָר אַ פּאָשעטע
ייִדישע מאַמע. גראָד איצט, ווענ כאָפּיע זאַטושענע האָט אָפּגעזוכט
אירע צוויי טעכטער אונ מיט איינער פונ זיי לעבט זי צוזאַמענ אינ
אַלמאַ-אַטאַ, ווײנט זי, שעמענדיק זיכ פאַר מיר אונ פאַר זיכ אַליינ,
בלויז באַמ דערמאָנענ זיכ דאָס איבערגעלעבטע. טרערנ רופנ בא איר
איצט אַרויס די אומצאָליקע מענטשלעכע קערפּערס, צעריסענע פונ
באָמבעס, דאָס פריצײַטיק געבוירענע קינד אינ וועג, די האַרצ-קראַנקע,
וואָס האָבנ פאַרלאָרנ זייער היימ.

ווענ איכ געזעגנ זיכ מיט דער שוועסטער זאַטושענע, זײַנענ
אירע אויגנ שוינ טרוקנ. זי איז ווידער רויִק אונ קאָנצענטרירט. זי
גייט צו דער אַרבעט, אונ דאָרט איז זי אַ העלדנ. דאָרטנ וועט זי
ווידער פאַראַקשנט קעמפנ פאַרנ לעבנ אונ געזונט פונ יעדנ סאָווע-
טישנ שלאַכטמאַנ. זי גיט אימ אַנטקעגנ מיט אירע געניטע הענט
אונ וואַרעמ האַרצ.

דאָס זײַנען בלויז עפּיזאָדן

— לאָמיך כאָטש איין מאָל זײַן א העלד, — דאָס איז לאָטע שנייערס באליבטער אויסדרוק. יעדעס מאָל, ווען איר איז ס'הערצל אויסגעקומען צו שטעלן דאָס לעבן אין קאָן, האָט זי איבערגעכאַזערט די דאָזיקע ווערטער, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז זי איז שוין ווײַט ניט איין מאָל געווען א העלד.

לאָטע שנייער איז מאָבּיליזירט געוואָרן אַלס מעדיצינישע שוועסטער אין א פעלד-שפּיטאָל דעם 22-טן יונ 1941 יאָר, דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע, און אָט זײַנען אייניקע עפּיזאָדן פון איר אַרבעט.

אונטער פּערוואָמײַסק. די לאַגע איז זייער אָנגעשטרענגט. דער פּײַנט גרײַפט אָן. לאָטע שנייער אַרבעט א גאַנצע נאַכט, ניט רוענדיק קיין איין מינוט. איינדערפרי ווערט די לאַגע נאָך אָנגעשטרענגטער. עס גרײַפן אָן טאַנקען. די גאַנצע געגנט ווערט באַשאָטן מיט באָמבעס, מיטן פײַער פון מינענוואַרפערס, ס'קומט אָן א באַפעל אַרויסצופירן די פאַרוואונדעטע. מע לייגט זיי אַרויף אויף מאַשינעס, וועלכע ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען פון די באָמבעס. פאַר אַלעמען איז ווייניק אָרט. לאָטע שנייער קלײַבט אויף 14 פאַרוואונדעטע, וואָס זײַנען בעקויעך צו באַוועגן זיך, און לאָזט זיך מיט זיי גיין. באַטאָג מוז מען ליגן אויף דער ערד, כּדי אויסצובאַהאַלטן זיך פונעם פײַער. באַנאַכט גייט מען פאָרויס. די פאַרוואונדעטע זײַנען מיד. אייניקע הייבן אָן אָפּצושטיין. מע מוז זיי אונטערמונטערן, זיי זאָלן זיך ניט אָפּלאָזן און ניט איבערבלײַבן אַליין אויפן וועג. נאָר אָט איז מען דערגאַנגען צו א קאָלווירט. די פאַרוואונדעטע ווערן פריילעכער. דאָ וועט מען פרײַנטלעכע פּנימער. דאָ שמעקט מיט היים. פרויען גייען צו נאָענט צו די פאַרוואונדעטע, באַטראַכטן זיי מיט באַדויערונג, פרעגן זיי פאַנאַנדער, צי האָבן זיי אינערגעץ ניט געטראָפן זייערע קרוווים און באַקאַנטע. מע טראָגט זיי צו שפּײַז, און איינע א באַיאָרטע פרוי זאָגט:

— איך גיב אײַך און איך האָף, אַז אויב מײַן זון וועט זיך געפינען אין א נויט, וועט מען אים אויך אויסהעלפן.

לאָטען גיט זיך איין צו קריגן אין דעם קאָלווירט פורן. זי אָר־דנט איין די פארווונדעטע און זעצט זיך אוועק אפ איינער פון די פורן פאר א קוטשער. לאָטע שנייער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געהאט צו טאָן מיט קיין פערד. זי ציט די לייצעס, זי וויאָקעט, זי שמייסט. דאָס פערדל אָבער מאכט זיך פון גאָרנישט ניט וויסנ־דיק. לאָטע וויל פאָרן רעכטס, גייט עס דאפקע לינקס, און פארקערט. אזוי איז מען געפאָרן, ביז מע איז צוגעקומען צו וואָזנעסענסק. דאָ איז ערשט געווען א באָמבירונג, און די שטאָט איז געווען ארומגע־כאפט פון אלע זייטן מיט א מוירעדיקן פלאַם.

לאָטעס אופמערקזאמקייט האָט צוגעצויגן א ברענענדיק הויז; ווו דער סופיט האָט שוין אָנגעהויבן איינצופאלן. איבער דער טיר פו־נעם דאָזיקן הויז האָט זיך געוויגט אן איבערגעקערט שילד, וואָס האָט זיך געהאלטן אפ איין טשוועקל. אפן שילד איז געווען אופ־געשריבן בלויז איין וואָרט: Аптека. לאָטע האָט געוואָרפן א בליק אפ די אויסגעמאטערטע פינצטערע פענעמער פון די פארווונדעטע. זי האָט געזען בא אייניקע פון זיי אָפענע פארשטויבטע ווונדן, וואָס האָבן שווארץ געבלוטיקט. די פריִערדיקע באנדאזשן זיינען פאר־וואנדלט געוואָרן אין צעדריבלטע שמוציקע שמאטעס. „לאָמיך כאָטש איין מאָל זיין א העלד״ — האָט מיסטאמע א טראכט געטאָן אין דער מינוט, ווי געוויינלעך, לאָטע שנייער. מע האָט זיך ניט באוויזן ארומצוקוקן, ווי לאָטע איז אריינגעשפרונגען אין ברענענדיקן הויז. אין א פאָר מינוט ארום האָט זי זיך באוויזן אין א געדיכטן קויל רויך מיט א היפשן פאק אין די הענט. ווען מע האָט פאנאנדער־גענומען דעם פאק, האָט מען באנאנד מיט מארליע, באנדאזשן, וואטע און אייניקע זייער נוצלעכע מעדיקאמענטן געפונען אויך א פעקעלע פודרע און ליפן-פאָמאדע. אפ די פרעגנדיקע בליקן פון אירע פארווונדעטע כאווײרים האָט לאָטע שנייער געענטפערט:

— אויב מיין קאָפּ וועט באשערט זיין אראָפּצופליִען, טאָ זאָל עס כאָטש זיין א שיינער קאָפּ.

אפן פוסטן פלאץ פון דער ברענענדיקער שטאָט וואָזנעסענסק האָט לאָטע שנייער צעלייגט אירע פארווונדעטע און יעדערן באזונ־דער איבערגעבונדן די ווונדן. נאָכדעם האָט מען זיך ווידער געלאָזן אין וועג. ניין טעג איז ארומגעפאָרן לאָטע שנייער מיט די פארווונ־דעטע, ביז זי איז דערפאָרן צו א דאָרף, וווּ ס׳האָט זיך געפונען א מעדיצייניש-סאניטארער באטאליאָן. דאָ האָט זי איבערגעגעבן די פאר־ווונדעטע און איז געבליבן ארבעטן אפ דער פאָדערשטער פייער־ליניע.

לאָטע שנייער האָט טרײַ את איבערגעגעבן געארבעט אינעם מעדיצינישׂ-סאניטארן באטאליאָן. דער באטאליאָן האָט זיך באוועגט צוזאמען מיט אונדזערע טיילן אַף די געפּערלעכסטע ערטער און האָט אַ מדערמידלעכן ארויסגעצויגן פונעם פײַער פּארוואונדעטע רויטארמייער. אונטער ניקאָלײַעוו — כערסאָן איז דער באטאליאָן ארײַנגעפאלן אין אַן ארומרינגלונג. דער פראָנט איז פון אלע זײַטן קימאט געווען ניט ווײַטער פון 3—4 קילאָמעטער. אַ דורכויסיק פײַער פון באָמבעס, מינען. וארפערס און ארטילעריע.

הײַנט איז די ריי פונעם דאָקטער נ. צוגויפּנעמען די פּארוואונדעטע פונעם פעלד. דאָס פײַער אָבער ווערט ניט איבערגעריסן אַף קיין איין מינוט פוןביידע זײַטן. לאָטע קוקט זיך ארום. דער דאָקטער איז דערבײַ ניטאָ. מיסטאמע איז ער פארנומען מיט עפּעס וויכטיקס, טאָ פארוואָס זאָל לאָטע ניט גיין צונויפנעמען די פּארוואונדעטע? זי ווענדט זיך צום נאטשאלניק מיט אזא פאָרשלאָג. דער נאטשאלניק זאָגט איר שטרענג אָפּ: „ווערסט גיין אין דײַן ריי“. אָבער לאָטע באשטייט אַף אירס:

— אַן אָפּעראציע-שוועסטער האָט איר דאָ אויסער מיר נאָך איינע, און אַ דאָקטער איז בלויז איינער. קיינער קאָן אים ניט פארבײַטן. מע מוז שוין גיין. אַף אַ רוקערן מאָמענט איז הײַנט ניטאָ וואָס צו װאַרטן.

ענדלעך האָט לאָטע אויסגעפירט. זי האָט זיך ארײַנגעזעצט אין דער מאשין און געלאָזן זיך אין פײַער. און דאָ איז געשען אַ וואונדער. ס'איז מיטאמאָל שטיל געוואָרן. לאָטע שנייער האָט צוזאמען מיטן שאָפער פון דער מאשין צונויפגענומען און ארויסגעפירט פונעם שלאכט-פעלד איבער 40 פּארוואונדעטע. אייניקע האָט זי באלד אַף אַן אָרט געגעבן הילף.

ווידער זײַנען געפלויגן טעג פול מיט געפאר און מיט שווערער ארבעט. ס'האָט אָנגעהויבן אויסצוגיין די שפּײַז. אלץ, וואָס עס איז נאָך פארבליבן, האָט מען זאָרגזאם געטיילט די פּארוואונדעטע. די געזונטע, וואָס האָבן זיי באדינט, האָבן זיך דערנערט מיט גראָז, מיט ווילדע געוויקסן, מיטן קארגן גאָב פון דער אויסגעברענטער, אויסגעליידיקטער ערד. ענדלעך האָט זיך באוויזן אין הימל אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן און געגעבן אַ צייכן, אַז דער וועג איז אָפן. דער מעדיצינישׂ-סאניטארער באטאליאָן האָט זיך געלאָזן צוזאמען מיט די פּארוואונדעטע אין דער ריכטונג צום ראיאָן, וואָס די רויטע ארמיי האָט באפרײַט פון די דײַטשישע באנדיטן.

אינ עטלעכע טעג ארומ האָט לאָטע שנייער באקומענ א קאָנטוזיע באמ אופרייסנ פונ אנ אוויאבאָמבע. זי איז געוואָרנ טויב אונ האָט אופגעהערט ריידנ. אונ דאָ, ווו לאָטע האָט אזויפיל מענטשנ געגעבנ הילפ, האָט מענ אויכ טרייַ געזאָרגט פאר איר. מע האָט זי געהיילט אונ געקליבנ זיכ עוואקויִרנ זי אינ ווייַטנ הינטערלאנד. אינ דרייַ טעג ארומ אָבער האָט זיכ צו לאָטענ ביסלעכווייַז אָנגעהויבנ אומקערנ דאָס לאָשנ, אונ אירע ערשטע דייַטלעכע ווערטער זייַנענ געווענ: „איר זאָלט גאָר ניט טראכטנ צו עוואקויִרנ מיכ. פונדאנענ גיי איכ אינ ערגעצ ניט אוועק". לאָטע איז געבליבנ אונ געזונט געוואָרנ. אינגיכנ האָט זי אופגעזוכט דעמ פעלד-שפיטאָל, ווו זי האָט פריִער געארבעט, אונ האָט זיכ אהינ אומגעקערט.

ס'גייט דורכ א היפשע צייַט. לאָטע ארבעט אינ פארשיידענע געגנטנ פונ אוקראיִנע. זי ארבעט אונטער ראָסטאָוו אינ די טעג פונ די סאמע פארביטערטע שלאכטנ. זי ארבעט זיבנ מעסלעס נאָכאנאנד, ניט צומאכנדיק קיינ אויג. פונ צייַט צו צייַט זעצט זי זיכ בלויז צו אפ א קעסטל מיט מעדיקאמענטנ אונ רוט עטלעכע מינוט מיט האלב-פארמאכטע אויגנ. אָט אזוי ארבעט זי, ביז מע באפעלט איר קאטעגאָריש גיינ שלאָפנ. דאנ פאלט זי אפ דער ערד, בא דעמ סאמע אָפעראציע-טיש אונ שלאָפט איינ, ווי א טויטע.

ווו איז לאָטע שנייער, דאָס טשערנאָוויצער מיידל, דורכגעגאנגענ די שול פונ העראָיִזמ: צי אינ איר שווערער יעסוימישער קינדהייַט, צי פאר די אָנדערהאלבנ יאָר פונעמ פרייַענ לעבנ בא דער ראטנמאכט?

עפשער האָט זי געשטויסנ אפ מעסירעטנעפעש די ליבע צו דעמ יידישנ פאָלק אונ צו איר בארויבטנ היימלאנד?

דאָס אלצ וועט קלאָר ווערנ דאנ, ווענ מע וועט וועגנ אזעלכע, ווי לאָטע שנייער, שרייַבנ ניט קיינ עפיזאָדנ, נאָר דיקע ביכער.

גענדזנ־שמאלצ

דער דאָקטער וואסיליעוו, דער שיינער בלאָנדער יונג, דער אלגע-מיינער ליבלינג, האָט געגעסנ ברויט מיט גענדזנ-שמאלצ. ער האָט מיט א מעסער געלייגט אפנ ברויט דיקע שיכטנ שמאלצ, געפּאקט עס גלייכ אינ מויל אריינ אונ שנעל געשלונגענ גאנצע שטיקער. ער איז געווענ אזוי פארטאָנ אינ זיינ אָנגענעמער ארבעט, אז ער האָט גאָר ניט געהערט, ווי ס'איז אריינגעקומענ די שוועסטער דאָרע מאר-גאָלינ. ער האָט זי באמערקט ערשט דאנ, ווענ איר קליינע, אָבער פעסטע האנט האָט זיכ איינגעקלאמערט אינ זיינ רעכטנ אקסל.

— איר זייט אנ אויסוואורפ, איר פארשטייט? שיסנ דארפ מענ אייכ, שיסנ! — האָט קוים ארויסגעדריקט פונ זיכ מיט בלייכ געוואָרענע ליפנ די אכצניאָריקע שוועסטער. — איכ וועל אייכ איבערגעבנ צום טריבונאל... ווי נאָר מיר וועלנ זיכ ארויסדרייסנ פונ דער ארומ-רינגלונג...

די שוועסטער האָט אפנ דאָקטער מער ניט געקוקט. זי האָט ארומגעבונדנ מיט א ציכטיק טיכעלע דאָס לײמענע קריגעלע מיט דער איבערגעבליבענער שמאלצ, אונ דער דאָקטער האָט זיכ בא איר גע-בעטנ, זי זאָל אים מויכל זיינ, אונ קיינער זאָל פונ דעם א[illegible] ניט וויסנ.

דאָס איז געשענ אפנ נייַנטנ טאָג פונ דער ארומרינגלונג. די שפייז האָט געהאלטנ באם אויסגיינ. קיינ מעדיקאמענטנ זיינענ קימאט ווי ניט געווענ, אונ יעדנ טאָג פלעגט מענ ברענגענ פונעם שלאכט-פעלד רויטארמייער מיט אָפּגעפרוירענע גלידער. אָט פאר די רויט-ארמייער האָט עס די שוועסטער פארהיט דאָס טעפּעלע גענדזנ-שמאלצ, וואָס זי האָט מיט גרויס מי ארויסגעקריגנ בא א פויערטע.

דערמיט ענדיקט זיכ אָבער ניט די געשיכטע פונ דער גענדזנ-שמאלצ. זי האָט געהאט א טראגישע פארזעצונג.

ארויסטראָגנ די פארווונדעטע פונעם פעלד איז מיט יעדנ טאָג געוואָרנ אלצ שווערער. אמ קיינ מאָמענטנ פונ שטילשטאנד האָט מענ זיכ שוינ מער ניט געקאָנט דערווארטנ. טאָג אונ נאכט האָט

געשאָטן א דורכויסיק פײַער פון ביידע זײַטן. דאן האָט דער גאַנצער מעדיציניִשער קאָלעקטיוו געגומען לויט דער ריי גיין אפן פעלד, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע אומשטענדן.

דאָרע מארגאָלין איז שטענדיק געגאנגען צוזאמען מיטן סאניטאר יערמאָלײַעוו, א רוסישן פויער פון א יאָר פופציק. יערמאָלײַעוו פלעגט זיך לאָזן אין וועג ארײַן מיט ברייטע פויערשע טריט, ווי ער וואָלט געגאנגען אין פעלד נאָכן אקער. דאָרע פלעגט זיך אײַלינק באוועגן לעבן אים מיט דריבנע, פליִענדיקע מיידלשע טריט. זי האָט ליב געהאט יערמאָלײַעווס רויִקײַט און באדאכטקײַט. אין די סאמע געפערלעכע מאָמענטן פלעגט יערמאָלײַעוו שנעל א צי טאָן דאָרען פארן קלייד, זי זאָל זיך לייגן. אליין פלעגט ער פויל, ווי ניט ווילנדיק אראָפלאָזן זיך אפ דער ערד, וואָרטשענדיק אונטער דער נאָז: „פונעם טויט טאָר מען זיך ניט אויסבאהאלטן. ווער עס אנטלויפט פון אים, דעם לויפט ער נאָך". אָט אזוי האָבן זיי ביידע צוזאמען ארויסגעפירט פונעם שלאכט-פעלד איבער פערציק פארוווּנדעטע.

אפן צוועלפטן טאָג פון דער ארומרינגלונג איז געקומען די ריי פונעם דאָקטער וואסיליעוו ארויסצוגיין אין פעלד. פאר די לעצטע עטלעכע טעג איז דער פריילעכער דאָקטער וואסיליעוו שטארק פארענדערט געוואָרן, ווי ס'וואָלט אים עפעס שווער געדריקט. ער האָט אויסגעזען ווי ניט אויסגעשלאָפן און דערשלאָגן.

— מיט אזא פּאָנעם טאָר מען אונטער קוילן ניט גיין, — האָט שטיל א זאָג געטאָן יערמאָלײַעוו צו דער שוועסטער.

די שוועסטער האָט זיך א צי געטאָן פאָרויס, ווי זי וואָלט עפעס געוואָלט זאָגן דעם דאָקטער, נאָר זי האָט זיך צוריקגעהאלטן. דער דאָקטער איז אוועק גלײַך אין פײַער ארײַן.

ס'איז דורכגעגאנגען א שעה, און צוויי, און דרײַ... דער דאָקטער האָט זיך אלץ ניט אומגעקערט. דאָרען האָט ארומגענומען א דריקנדיקער אומרו. זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט יערמאָלײַעוון, און ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט צווישן זיך, האָבן זיי זיך ביידע געווענדט צום נאטשאלניק נאָך א דערלויבעניש גיין זוכן דעם דאָקטער.

זיי האָבן אים געפונען א זיצנדיקן, אָנגעשפּארט אָן אן אײַנזאמען בוים. די רעכטע האנט איז הילפלאָז געלעגן אפ זײַן קני, דער לינקער פוס איז געווען אומבאוועגלעך אויסגעצויגן, דאָס פּאָנעם בלייך, ווי קאלך. קענטיק, אז ער האָט פארלאָרן א סאך בלוט. לעבן אים איז געלעגן אויסגעצויגן אפ דער ערד א רויטארמייער

און האָט שטיל געקרעכצט. זײַן קאָפּ איז געווען פאַרבאַנדאַזשירט פון געניטע הענט.

דער סאַניטאַר און די שוועסטער האָבן געוואָלט אַוועקלייגן דעם דאָקטער אויפן טראָג-בעטל, נאָר ער האָט געזאָגט: „טראָגט פריער אים אוועק. ער איז געפערלעכער".

דאַן האָבן יערמאָלײַעוו מיט דאָרען באַשלאָסן צו דערטראָגן דעם פאַרוווּנדעטן רויטאַרמייער ביזן נאָענטסטן וועלדל, אוועקלייגן אים דערווײַל דאָרט אין א רויִק אָרט און אומקערן זיך נאָכן דאָקטער. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום וועלדל, האָט א קויל פון א דײַטשישער קוקושקע געטראָפן דעם רויטאַרמײער אין בויך אַרײַן, און באַלד נאָכדעם איז אויך יערמאָלײַעוו געפאַלן טויט.

דאָרע האָט אַרײַנגעשלעפּט ביידע קערפּערס אין וואַלד, האָט זיי אוועקגעלייגט הינטער א קוסט און געבליבן זיצן לעבן זיי, ניט זײַענדיק בעקויעכ אָפּצורײַסן די אויגן פון יערמאָלײַעווס ליבן פּאָנעם. דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן פון אָרט, פאַרמאַכט ביידע געשטאָרבענע די אויגן, א קוש געטאָן יערמאָלײַעוון אין שטערן אַרײַן און געלאָזט זיך איינע אַליין אָפּ צוריק, צום דאָקטער.

איצט איז שוין וואַסיליעווס פּאָנעם געווען רויט פון פיבער און פון פראָסט, די אויגן האָבן קרענקלעך געגלאַנצט:

— כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט נאָך מיר קומען, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט פאַרטריקנטע ליפּן, — אָבער גיי אוועק פונדאַנען. דו וועסט אומקומען איבער מיר. וועסט מיך אַלציינס ניט דערשלעפּן. וואַרט נאָר, ווו איז אהינגעקומען יערמאָלײַעוו? — האָט ער מיטאַמאָל שנעל א פרעג געטאָן.

די שוועסטער האָט אָפּגעווענדט פון אים איר פּאָנעם. דער דאָקטער האָט א ווײַלע געוואַרט, און ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער מיד פאַרמאַכט די אויגן.

דאָרע האָט געצוווּנגען דעם דאָקטער אופהייבן זיך פונעם אָרט. ער האָט זיך באַוועגט פּאַרויס, אונטערשפּרינגענדיק אפן איינציקן געזונטן פוס, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער געזונטער האַנט אָן איר אַקסל. מאָמענטנווײַז האָט ער געפּויזעט אפן בויך. דער ווייטעק איז אָבער געווען אומדערטרעגלעך, און דער דאָקטער האָט עטלעכע מאָל פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן.

— אַליאָשע, ליבער, — האָט דאַן געשעפּטשעט דאָרע, — שטאַרק זיך. ס'איז שוין ניט ווײַט. קום... לאָז זיך ניט אָפּ... — און הייסע טרערן האָבן זיך געקײַקלט איבער איר מיידלשן פּאָנעם.

דער קראנקער איז אלצ מער אָפגעשוואכט געוואָרנ. די שוועסטער האָט אים צוגעבונדנ צו זיכ מיט צוויי פאסנ און צוועקגעפויזעט אזוי אפ אלע פיר. נאָר דאָ, שוינ הארט לעבנ וועלדל, האָט איר עפּעס א זעצ געטאָנ איבעמ לינקנ אקסל. די שוועסטער האָט פארלאָרנ דעמ באוווסטזיינ, אָבער וואסיליעוו איז באלד געקומענ צו זיכ. ער האָט מיט דער געזונטער האנט און מיט די ציינ אפסניי איבערגעבונדנ די פאסנ, און פארטויבנדיק אינ זיכ דעמ שניידנדיקנ ווייטעק אינ אלע גלידער, האָט ער גענומענ פויזענ פּאָרויס, שלעפנדיק מיט זיכ די שוועסטער. ער האָט דורכגעפויזעט עטלעכע מעטער און איז געפאלנ מיטנ פּאָנעמ אינ שניי.

אזוי זיינענ זיי געלעגנ ביידע אפנ שניי, ביז מע האָט זיי געפונענ. מע האָט זיי איינגעטראָגנ אינ א פארלאָזטער פויערשער כאטע, אָפגעוואשנ און איבערגעבונדנ די ווונדנ. דעמלט ערשט האָט זיכ דאָרע דערוווסט, אז דעמ דאָקטערס רעכטע האנט מיט די שיינע לאנגע פינגער, וואָס אזעלכע האָט געקאָנט פארמאָגנ בלויז א מוזיקער, אָדער א כירורג, איז ניט נאָר פארוווּנדעט, נאָר אויכ אָפגעפרוירנ. א רויטע פארב האָט זיכ איר פלוצלינג א וואָרפ געטאָנ אינ פּאָנעמ און זי האָט שנעל אָנגעהויבנ עפּעס צו זוכנ אינ איר סאניטארנ-בייטל.

— אלעקסיי פּעטראָוויטש, — האָט זי שעמעוודיק געזאָגט, — גיט, איכ וועל אייכ אויסשמירנ די האנט...

— מיט גענדזנ-שמאלצ? — האָט וואסיליעוו אינ פארלעגנהייט אונטערגעכאפּט, — ניינ, מע דארפ ניט... — דערנאָכ האָט ער, קוקנדיק דאָרענ גלייכ אינ די אויגנ אריינ, שטיל געזאָגט:

— א דאנק, טייערע, א דאנק פאר אלצ!

★✦★

Р. РУБИНА

Еврейские женщины

Редактор *А. Фрумкин* Обл. — худ. *А. Гефтера*

Л 95412. Подписано к печати 14/XII 43 г. п/л. 4, уч.-изд. листов 3,1.
Тираж 5000 экз. Зак. 119.

Типография Госэнергоиздата. Москва, Шлюзовая наб., 10.